STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04019

A FRIMORGN-SHTRAL

Josef Luden

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

אַ פּרימאָרגן־שטראַל

1987

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"
תל־אביב — טעל. 03-453102

A FRIMORGEN-SCHTRAL

Copyright by JOSEF LUDEN

"PROBLEMEN" PUBLISHING

Tel-Aviv. Tel.: 03-453102

1987

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"

תל־אביב — טעלעפאָן 03־453102

דפוס אורלי, תל־אביב, טל. 372062

אַ פּאָר ווערטער פון מחבר

דאָס איז די דריטע לידער־זאַמלונג פון מחבר. די ערשטע צוויי זענען: „פלאַמען״ (1983), „אַ בליץ אין דער נאַכט״ (1985) אַלע דריי האָבן צוזאַמען אַרום 260 לידער.

אין דער היינטיקער מורה שחורהדיקער וועלט בענקט מען גאָר ניט נאָך דיכטונג. באַזונדער אין יידיש. דעריבער שטייט פאַר יעדן דיכטער די גרויסע פראַגע — פאַר וועמען שרייבן? דאָך קען דאָס דעם דיכטער ניט אָפּהאַלטן פון שרייבן און לידער ווערן ווייטער געבוירן. גענוג אַ פונק פון אַ געדאַנק, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ טעמע, אַ שטימונג, אַ רעגונג און מיט דער פאַרמיטלונג פון וואָרט, זינגט דער דיכטער אויס זיין ווייטיק קעגן יעדן בייז. זיין פּראָטעסט, זיין צאָרן קעגן בלוט־פאַרגיסונגען און מלחמות, זיין צער איבער דעם מוראדיקן אומגליק פון זיין פאָלק, אַ צער וואָס קיין יידישער דיכטער קען ניט פאַרגעסן.

מעגלעך אַז איך טרעט אפשר צו שטאַרק אַרויס קעגן דער פיליסטערישער געזעלשאַפט און רייס שאַרף ארונטער די צביעות פון קאַפּיטאַליסטישן מאָראַל און די פאַר־ברעכערישקייט פון די הערשער איבער פעלקער; ווי קעגן מענטש וואָס זינדיקט מיט מיטלמעסיקייט, מיט ווייניק כאַראַקטער, ווייניק ליידנשאַפט און דינט דעם פאַרדאָר־בענעם הערשנדיקן ליגנט.

שרייבנדיק מיינע לידער זענען פאַר מיר געשטאַנען די ווערטער פון יידיש־דענישן ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס, אַז שלעכטע דיכטער האָבן ניט קיין אויערן פאַר די דונערן פון מעכטיקע אידעען אונטער דער ערד און פאַרן קלאַפּן פון זייערע פליגלען אין דער לופטן.

האָב איך טאַקע אין די מערסטע פון מיינע לידער זיך באַמיט אָפּצוטרייסלען פון דעם שלעכטס און פאַרפוילטן פון דער אַלטער וועלט און איינהערן זיך אין דעם אויפגאַנג פון אידעען וואָס האַלטן ביי געבוירן און באַמיט זיך מיט מיינע באַשיידענע טאַלאַנט־מעגלעכקייט, אָט די געדאַנקען ברענגען צום אויסדרוק.

צווישן מיינע לידער פון פּראָטעסט, צער און צאָרן געפינען זיך אויך אַ צאָל לידער פון טרייסט, אויך פון ליבע, כ'האָב דערמיט געוואָלט שענקען דעם לייענער אויך אַ שמייכל, אַ פּאָר לייכטערע לידער מיט אַ ביסל הומאָר, דער דיכטער, ווי דער לייענער מוז דאָך ניט שטענדיק זיין ברוגז אויף דער וועלט. ליידער קענען מיר ניט אין דער היינטיק רשעדיקער וועלט שענקען, ווי די היידאַנישע דיכטערס קיין פרייד, ליבע און געלעכטער. די היינטיקע וועלט איז צופיל פאַרסמט און צופיל פאַרגאַסן מיט בלוט און מיט צופיל גרוילעכע זכרונות. די טראַגעדיע פון מענטש איז וואָס דאָס לעבן איז ניט דאָס וואָס עס דאַרף זיין. און דאָס איז די טעמע פון דעם גרעסטן טייל פון מיינע לידער.

אלגעמיינע לידער

מיין לידער־קראַנץ

מיין ליד אָנגעקליידט מיט לאַנגע יסורים־נעכט,
מיטן מיסטעריעזן פּשוטן וואָרט.
באַלאָדן מיט קאָשמאַרן, וויזיעס און בענקשאַפט.
ווי שווער איז צו זינגען ווען פריי יובלט דער שקר,
ווען ווערטער פאַרלירן זייער חשיבות און טהרות.
כ׳קען קיין יום־טובדיקן זאַץ ניט געפינען,
כאָטש דער אומרו פון געדאַנקען ברענען אין מיר.
זוך איך אַ וואָרט, ווי אַ בליץ פון די כמאַרעס
און בענק אַז די פרייד זאָל קלאַפּן אין מיין טיר.
כ׳ווייס ניט, צי זאָל איך שעלטן אָדער שענקען אַ שמייכל
דער וועלט, ווי עס הולעט דער לוסט און דער צווייפל ?

כ׳וואָלט מיין ליד באַצירט מיט אַלע צערטלעכקייטן,
ווי צו אַ כלה־מיידל אין אַ ווייס־אַטלאַס קלייד.
נאָר איך קלעטער אויף רושטאַוואַניעס פון אַ צעפוילטן בנין,
וואָס פינצטערט פון כאַאָס, שטורעמס און לייד.
כאָטש דאָס לעבן איז פאַרדאָרבן פון רשעות,
דאָך כ׳בין אין איר שיינקייט קרעפטיק פאַרליבט.
כאָטש עס פאַלן שוין די לעצטע בלעטער פון מיין
לעבן־בוים,
דאָך פלאַמט אין מיר אַ דאָן קיכאָטישער חלום און טרוים.
עס שמייכלט צו מיר דער מאָרגן־רויט מיט אַ ליכטיקער פרייד.
אַרומנעמען מיט ליבע די וועלט בין איך גרייט,
כ׳האָס אָבער די פוסטע ליידיקייט פון פאַלשן גלאַנץ
און לייג אויף די קברים פון אַלע שקרים דעם דאָזיקן
לידער־קראַנץ !

טויזנט כּאָרן

עס האָט די נאַטור זיך צעזונגען מיט טויזנט כּאָרן,
פון אַ געטלער געזאַנג די וועלט געבוירן געוואָרן.
אַז עס קומט אָן דער דעמער פון אַ זונען־פאַרגאַנג,
הערסטו פון די וועלדער אַ פריידיקן פויגל־געזאַנג.
אָבער ווער פאַרלאַנגט דער דיכטער זאָל זינגען?
אפשר אַ זיסער זומער־חלום קען דאָס אים באַצווינגען.
אָדער אַ ווונדערלעכע ליבע, וואָס נורעט אין אים לאַנג,
אויף דער צונג אַ פייער־מוזיק וועקט אין האַרץ אַ געזאַנג!
עס לאָקן אים די געשטאַלטן פון האַמלעט, פאַוסט און
דאָן קיכאָט,
די גאַנצע וועלט וואָס ליידט, געקעמפט און אַנטוישט האָט.
מיט אינטימע געפילן דער דיכטער איז געבענטשט. —
באַזינגט ער, מיט פלאַמיקע ווערטער, די טראַגעדיע
פונעם מענטש,
מוז ער דאָך אויך זינגען פון אַלע וועלט־צרות,
פון מיליאָנען דערמאָרדעטע, פון יתומים און אלמנות.
אַ דיכטער, ווי אויב דו פאַרגעסט —
מיר זענען אויף דער וועלט — פאַרשאָלטענע געסט.
דערפאַר האָט מען אָנגעטאָן פליגלען אויף דיין נאָמען,
דו זאָלסט יוסל בן חנה'ס מיט דיינע לידער קומען!

זאָגט מיר פויגל און דיכטער־פאַרוואָס איר זינגט?
מען זאָגט, מיר פאַרמאָגן אַ זינגערישן אינסטינקט. —
ווייל אַ ברענעדיקע באַגער אין אונדזערע הערצער גליען,
צעשפרייטן מיר די פליגלען, אונדזער געזאַנג פריי לאָזן פליען,
די נאַטור האָט אונדז אַ גרויסן זכות געשאַנקען —
מיר דיכטער און פייגל צו אַ פרייער וועלט —
מיר זאָלן בענקען און בענקען!!...

ווען דער מענטש

ווען דער מענטש האָט באַגראָבן זיין לעצטן גאָט,
און גענומען אַראָפּרייסן דעם שלייער פון אַלע סודות,
געזוכט דעם שליסל צו די געפילן און מחשבות,
ווען די ווּיסנשאַפט האָט געפייערט איר גרויסן נצחון,
אָבער וואָס נענטער צו די טויערן פון דער אייביקער
דערקענטעניש,
ווערט פאַרשטומט די נשמה פאַר דעם אומבאַקאַנטן רעטעניש,
גראָד ווען דער שכל פאַרייניקט מיט די הימלישע שטערן,
אַלץ איינזאַמער אונטער די שאָטנס פון דער אייביקייט —
אַ פרעמדער און עלנטער שטייט דער מענטש פאַר דער וועלט.
פון אַלע זיינע נשמה־ווינקעלעך שרייט אַרויס די פינצטערניש,
פון די תהומיקע אָפּגרונטן, וואָס ווילן אים איינשלינגען,
פאַרן נס פון לעבן, און רעטעניש פון טויט,
וואָס קומט, ווי אַ גנב פאַרפאַנצטערט אין רויט.
די נאַטור, וואָס אַלץ באַשאַפט איז דער מערדער פון מענטש!
דער שׂכל, וואָס האָט אים דערהויבן איז אויך זיין באַגרעבער.

דאָך לעבט דער מענטש אין זיין קעניגרייך פון טרוימען,
באַרוישט פון די גלוטע, שיינע וועלטן,
ער וואַנדערט אַרום אין די פרעמדע, קאַלטע רוימען
פון צויבער־גלאַנץ און גלאָקן־קלאַנג,
פאַרוואַנדלט זיין נשמה אין אַ גרויס געזאַנג.
פון אַ גרויסן חלום זיינע פליגלען צעשפרייט.
אפשר בלויז די פאַנטאַזיעס און גליענדיקע חלומות,
זענען די אמתע ווירקליכע ווירקלעכקייט?

צו אַהרן צייטלין ז״ל

מיט ציטערדיקע הענט, ציטערדיקע שורות,
האָסט אַ בריוועלע געשריבן צו גאָט,
זיך פאַרקלאָגט אויף די פאַרשאָלטענע נעכט,
אויף די טעג, ווי שוואַרצע קברות.
האָסט אים געבעטן ער זאָל פון דער פרייהייט דיך באַפרייען!
ווילסט בעסער זיין אַ שקלאַף צום הויכן ווילן,
וואָס זאָל דיך שלעפּן אין שול אַריין,
דיך בינדן אין תפילין!
כאָטש עס ברענט אין דיר דער צווייפל און סתירות,
ווילסטו בלייבן געפּאַנצערט אין דער מאַכט פון אמונה.
וויל איך גרויסער שרייבער דיך פרעגן:
פאַרוואָס פון אַ גלויבן לאָזן זיך בינדן,
וואָס קען מער ניט היילן אונדזערע וווּנדן?
די שול קען מער ניט וואַרעמען, זי אַליין איז קאַלט,
גאָט קען מער ניט טרייסטן, ער אַליין איז אַלט.
מען קען אין הימל אים ניט וועקן,
הולעט דער הפקר אויף אַלע פיר עקן.
שקעלעטן פון ביינער און אש צו מעגן —
שרייען צום הימל — מיר גלויבן!
און זייער פאַרשמאַכטע נשמות אויסהויכן?
אַ פאָלק וואָס פון גאָט אַזוי ברוטאַל געשלאָגן,
ווילסטו זאָל מתפּלל זיין און וידוי נאָר דעם אָפּזאָגן?
ווייל ווי איז געווען דער אל נקמות,
ווען געמאָרדעט דאָס פאָלק האָבן באַנדיטישע אומות?
און אפשר דער גאָט געירשנט פון דיין טאַטן דעם פרומען,
איז צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן אויך אומגעקומען?

מיין בריוועלע צו גאָט

איך ווייס — כ׳בין ניט מער ווי אַ שטויבעלע,
צווישן מיליאַרדן צווייפיסקן שטויב.
כאָטש דו האָסט מיך באַשאַפן, קענסטו אַפילו ניט מיין נאָמען,
וועסט מיין בריוועלע ניט שטאַרק נעמען צום האַרצן,
דאָך בין איך אָפנהאַרציק דיר מודה,
אַז כ׳בענק נאָך אַ גאָט!
אַוודאי ניט צו קיין טיראַן, ניט קיין דעספּאָט.
כ׳זאָל קענען, אָן חניפה, פאַר אים אויסגיסן,
אַלע ביטערנישן פון מיין האַרץ און אים פרעגן:
פאַרוואָס הולעט דער טויט, כ׳וויל וויסן,
פאַרוואָס האָט מען געשאָכטן מיינע ברידער!
פאַרוואָס דיין וועלט, וואָס אַזוי שיין,
דאָך אַזוי ביטער, מיט מאָרד און פּיין?

און אַז אין מיטן פון אַ ניט־פאַרענדיקטער שורה,
וועט מען מיך ברענגען צו קבֿרה,
וועל איך שטיין פאַר דיר גאָט, פון לעבן אַ שאָטן,
וואָס האָט איבער גאַסן ווי אַ חלום געטראָטן,
און איצט שטייענדיק פאַר דיינע הימלישע שוועלן,
זיי וויסן גאָט, אַז צו דיר איצט רעדט,
אַ ברוגזער, צעבונטעוועטער פּאָעט,
וואָס פאַר אַ געפּטרט לעבן —
האָסט דורך קבֿרים צו טויטע הימלען דערשלעפּט,
אומזיסט צו וואַרטן פון דיר אַן ענטפער גאָט —
אפשר ביסטו, ווי אַלע געטער טויב און באַנקראָט?
סיידן, ווערסט מיך פאַרבעטן צו דיר אין גן־עדן,
די גרויסע רעטעניש מיר דאָרטן באַשיידן.

אַ מאָרגן־שטראַל

מיר הערן נאָך אַלץ די געשרייען פון מיליאָנען,
אויף דער וועלט פון מאָרד, אומגליקן און פּיינען,
מעגן די מענטשן־שונאים דראָען מיט פּאַניקע פייערן,
נאָר די זון וועט ניט אויפהערן צו שיינען.

אויב די אַלטע וועלט טויג אויף כפּרות,
לאָז זיך דרייסט אין אַ נייעם גאַנג.
שטיי אויף מיט אַ פּאַרטאָגיקן שמייכל —
אין האַרצן אַ נייער געזאַנג!

מעג דער חושך ניט וועלן פאַרשווינדן,
דער מאָרגן־שטראַל וועט אַ בליץ־טאָן מיט פרייד.
נאָך יעדער נאַכט קומט אַ נייער באַגינען,
אַ נייע האָפענונג אין הערצער פאַרשפּרייט!

מעגן די פאַרלעשערס פון די ליכט־לאַמטערנעס,
וועלן זיך צינדן די ליכטיקסטע פאַרלאַנגען,
אַ שיין־טאָן וועט די האָפענונג פאַר אונדזער אויגן,
אַ ניי לעבן פון פרייד מירן אָנפאַנגען!

מעג דאָס אַלטע, ווי אַ שיף אונטערגיין,
דער נעכטן, ווי דער טוי־נעפּל פאַרגאַנגען.
אין אונדזערע הערצער פון ליבע דער פלאַם,
מירן קומען מיט פרייהייט־געזאַנגען!

אַפילו ווען די וועלט איז פול מיט קאָשמאַרן,
כ׳וועל טרינקען די פּיינען און זיסקייט פון איר כוס.
מעג דאָס לעבן מיך טויזנט מאָל אָפּנאַרן,
זאָגט מיר, אפשר ווייסט איר פאַרוואָס?

כ׳בין שוין מיד...

כ׳בין שוין מיד צו זינגען, קלאָג און צאָרן־לידער.
פאַרוואָס ניט מיט פרייד קומען צו אייך, ברידער?
דעם מענטש פון האָפן, חלומות און בענקען,
ווי אַ ליב שמייכל, מיין ליד אייך צו שענקען.
צי פאַראַנען בלויז קאַשמאַרע אָפּגרונטן און תהומען?
צי זינגט ניט מער דער נאַכטיגאַל איבער פרייע רוימען?
צי אייביק וועט דער מאָנסטער רייסן לעבעדיקע פּאַסן?
צי וועט דער גורל תמיד פון אונדז חוזקן און שפּאַסן?
אַפילו אין סדום געבליבן זענען למד־וואָוו צדיקים,
זיי קענען אונדז דאָך מציל זיין פון אַלע סאָרט מזיקים.
זיי קענען דאָך פאַרלעשן דעם צאָרנדיקן פלאַם,
אַז אויפגיין זאָל אַ נייער, פרייער שטאַם.
זאָל דער שמייכל פון קינדער און דער פרויען־חן,
צו דעם נייעם לעבן אונדז אַנטקייגן גיין.
מיר זאָלן שפּאַנען נאָר מיט העלע לידער,
אויף אַ וועלט אַ פרייע — ווו אַלע זענען ברידער.

דאָך מיט מיינע צאָרן־לידער, באַצאָלן כ׳מוז דעם שטייער,
ווייל אַ גאַנצער כ׳בין אַרויס פון גרויזאַמען פייער.
געבליבן אַן איינזאַמער אינעם ליידן־צענטער,
צווישן בלוט און פייער אַרויס אַ ניט־פאַרברענטער.
אַרויס כ׳בין אַ גאַנצער — פון גורל באַגנעדיקט,
אָבער מיין חלום — אינגאַנצן איז צעשעדיקט!
מוז איך ווייטער זינגען, ווידער און ווידער,
מיינע, צער און צאָרן־לידער!
פלאַמען גרויליקע ברענען נאָך און גליען —
און טיף אין האַרצן די ווייטאָקן נאָך טליען,

האָסט מיך לעבן אָפּגענאַרט

האָסט מיך לעבן אָפּגענאַרט,
מיט דיינע העסלעכע מאַסקעס — לעבערלעך־דומע.
כ׳זע דיך אין דיינע פאַרקריפּלטע געשטאַלטן,
וואָס האָבן מיך באַזונגען, פאַרשאָלטן און באַטריגן.
נאָך איך בענק צום מאָרגן־שטראַל,
נאָכן פרישן וואָרט און בליענדיקן געדאַנק.
אָבער דו האָסט מיין חלום מיר באַרויבט!

געקומען איז אַ פינצטערער טאָג,
מיט זיין הילפלאָזן פּחד,
מיט אייז־קאַלטן אייביקן כאַאָס,
פון מיליאָנען פליסנדיקע אומענדלעכקייטן,
פון אַנטשטיין און אונטערגאַנג.
מיטן אייביקן געראַנגל צווישן לעבן און טויט,
ווי אַ זון פאַרגייט אין אַ פאַרבענקטן אומעט,
אונטער די טונקעלע גאַרדינען — די וואָלקנס.

אָבער ווי ביסטו שטראַל פון האָפענונג?
באַהאַלטן אין די נעסטן פון צווייפל.
כ׳זע די זון אַ פאַרשיכורטע פון בלוט —
בענק איך צו די פונקען פון ליכטיקע פאַרטאָגן,
וואָס מאַכן לעבעדיק די טויטע וועלט.
אָ, וועק אויף די פריידן וואָס נעסטיקן אין מיר!
זאָל שטורמען אין מיר און רעוואָלטירן!
ווי דער מאָרגן־רויט, וואָס טויט דעם טויט!
דעם אַלטן פאַרדאָרבענעם רוצח און פאַרעטער,
דער ברודער פון אַלע בייזע געטער.

דאָן קיכאָט

אָ, איידעלער ריטער. ס'האָט די וועלט פון דיר געלאַכט,
נאָר דו דאָן קיכאָט, האָסט די שקלאַפערישע וועלט טיף
פאַראַכט.
ביסט ניט געווען קיין שקלאַף צו פרעמדע געדאַנקען,
נאָר דער האַר איבער אייגענע טאָטן און פאַנטאַזיע.
אַ ווילד־דעמאָנישע ליידנשאַפט דיינע טאָטן האָט באַגלייט,
מעגסטו שלאָגן זיך מיט ווינטמילן — פאַרשקלאַפטע
האָסט באַפרייט!
כאָטש פוסטע מענער האָבן אָנגעבראָכן דיר די ביינער,
דיין געפיל פון גערעכטיקייט פאַרמאָגט פון זיי ניט קיינער.
געהערסט ניט צו די הערצער פוסטע און איינגעדאַרט,
ביסט מיט מוט צו דיין גרויסן חלום געבליבן איינגעשפאַרט.
פאַר דיינע ערלעכע פרינציפן — אַ ריטער און אַ העלד,
פון סאַנטשאָס רעאַלע פראַקטישקייט — ס'שווידערט פון
זיי אַ קעלט.
האָסט זיך אויסגעחלומט אַ גאַר אַנדערע פרייע וועלט,
ס'האָט דערפאַר די אייביקייט אַ מאָנומענט דיר אויפגעשטעלט.
דיין שיינע דולצינעאַ פון טאַבאָסאָ, אַ פרוכט פון דיין
פאַנטאַזיע,
דאָך האָסטו זי געליבט מיט ערלעכקייט און פאַסיע.
מעג די וועלט חוזק פון דיין פאַנטאַזיע און דיינע טאָטן,
האָסט דיין גרויסן חלום קיינמאָל ניט פאַראַטן.
האָסט דיין אייגענעם אמת קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
ווען דער אמת פון די סאַנטשאָ פאַנסאָס דינט בלויז
זייערע אינטערעסן.

אָ, דו מענטש, אויב דיין נשמה איז פריי און ערלעך
צו זיך אַליין,
ווילסטו זען דאָן קיכאָטן — קוק דרייסט אין שפיגל אַריין!

קרעמערישע נשמות

די קרעמערישע קאַפּיטאַליסטן און באַנקירן,
ביי דער נאָז די גאַנצע וועלט זיי פירן.
אַ גליק וואָס אַנגעפּרעסענע לייבער און קרעמערישע נשמות,
קענען ניט צו די הייכקייטן פון די הימלען פליען,
זיי וואָלטן דאָרט דעם מלאך־המות שוחד גלייך געגעבן,
ער זאָל וואָס מער פאַרלענגערן זיי דאָס לעבן.
עס וואָלט ביי גאָט אָפּגעקויפט די גאַנצע ערד,
דער קרעמער־קלאַס, פאַר גאָלדענע רענדלעך אַזוי צו זאָגן —
דער רִבונו של עולם פון די הימלען זאָל זיך גלייך אָפּטראָגן.
זיי זענען גאָרניט קאַרג גאָט זאָל פון די ביזנעס פאַרדינען,
ער זאָל דערפאַר ניט שטערן דעם גאָלדענעם קאַלב צו דינען.
די קרעמערישע נשמות, פאַר גאָלדענע רענדלעך
אַזוי צו זאָגן —
זייער פאַנטאַזיע גייט ניט ווייטער, ווי די אינטערעסן
פונעם מאָגן.
דערפאַר האָבן זיי פיינט די דאָן קיכאָטס און די פּאָעטן,
וואָס קענען אַ סך חלומען, ליבן און פאַנטאַזירן,
זיי זענען אָבער גאָר ניט־פּראַקטיש אַ גוטע ביזנעס
דורכצופירן.
איר קרעמערישע נשמות, מעגט גאָלדענע קברים זיך
אויסבעטן, —
נאָר די הימלען און די ליכט — לאָזט איבער פאַר פּאָעטן!

איוואַן

געווען אין אַ צייט, געווען אַזאַ אָרט,
אַ מענטשן־חיה געלעבט האָט דאָרט.
געהאַט האָט ער אַ ברייט־צעשויבערטע באָרד,
מיט רוצחישע אויגן — אַן אמתער טשאָרט.

גערופן מען האָט אים — גרויזאַמער איוואַן,
געווען אַ מאָדערנער, אַ נייער המן,
וואָס פלעגט זיך צעשרייען אויף זיין מערדערלעכן קול,
אַז ער פון דער מענטשהייט דער ריכטיקער סימבאָל.

אַז ער איז דער אמתר הערשער, דער גערעכטער,
דער שופט און דער שעכטער.
זיין באָרד האָט פון שינאה געברענט,
געטראָגן אַ בראַנדיקע שווערד אין די הענט.

אַזוי איבער לענדער און שטעט, ים און יבשה,
געהערשט איבער פעלקער איוואַן דער רשע.
פון שלעכטס טאָן, וואָס ער האָט נאָר געקענט,
די וועלט האָט ווי דער גהינום געברענט.

ירושלים

איבער ירושלים הענגט אַ וואָלקן,
אַ האַלבע לבנה און אַ שאַרפע שווערד.
אויף די גאַסן שפּאַנט דאָס לעבן,
פון די קברים שווייגט אויס דער טויט.
שבת־יומטובדיקע אויסגעפּוצטע הייזער,
פון ערגעץ שרייט אַרויס די נויט.
ביי די אַלטע מויערן, פון שינאה טריבע,
ווי אַ כלה צו דער חופּה שפּאַנט די ליבע.
אַרום גייט אויף דער מאָרגן־חלום,
פון כותל טראָגט זיך אַ געוויין.
אַוועק מיט שריפות גאַנצע דורות,
וואָס אָנגעצונדן די נעראָנ׳ס פון רוים,
נאָך טויזנטער בלוטיקע שריפות, —
ביסטו ירושלים לויטער, ווי אַ טרוים.

כ׳זע דאָ גרויסע געשעפטן פון ביכער,
מוחמד וויגט זיך אויף אַ קעמל,
געוויקלט דעם קאָפּ אין פאַרביקע טיכער,
ווי אַ גרוס פון אַ צווייטן פּלאַנעט.
ווער טראָגט אויפן קאָפּ אַ שטריימל אַ פרומען,
אַ מויד שפּאַנט מיט נאַקעט־תאוודיקע פיס,
קען די גאולה דערפאַר ניט קומען,
ווייל די מויד איז צו שיין און צו זיס.
דאָך הערט מען שוין משיח׳ס טריט שפּאַנען,
עס פיפסן דערפון שוין די פייגל,
ווער ווייס, פון ווי־און־פון־וואַנען?
דאָ האָט גאָט זיין הויז געוואָלט בויען,
אַ נייעם הייכל, ווי אַ חורבה איז געשטאַנען.

פון די בערג דער יאָמער פון שאַקאַלן,
די גאַסן אויסגעווייקט פון טרערן און פרייד־געזאַנג,
אין כנסת מען רעדט פון פּאָליטיק און וואַלן,
די שטאָט איינגעהילט אין בענקשאַפט און באַנג.
חלומט מען דאָ פון עולם־הבא׳ס,
די פּאָליטיקער רייסן זיך ביי די נעז,
עסט מען טשאָלנט געשמאַק יעדן שבת.
עס קעמפן די פרומע פאַר גאָט און הייליקע ערטער,
זיי די פאַרשטייער פון גאָטס ווילן,
וואַרפן פון מויל בלאָטע און פאַרסמטע ווערטער,
אָנגעשטעקט מיט שינאה באַצילן.

אָבער דאָס פאָלק האָט אויף אייביקן זכרון,
געשטעלן, יד ושם, פון יסורים אַ הויז,
אַ זכר פון פאַרבלוטיקטע יאָרן,
ווען קין׳ס שינאה געווען אַזוי בלוטיק־גרויס.
די יורשים פון יענע נשמות — פאַרלאָשענע שטערן,
וועט אַ דור מיט פלאַמיקע לידער זיך צעזונגען,
זיי די איידעלע רעוואָלוציאָנערן,
די קעמפער פאַר גליק און פריידן,
וועלן הויך זיך צעשרייען:
מירן בויען פון ליבע אַן ערדישן גן־עדן!
ניט פאַר הייליקייט נאָר פאַר שלום די שטאָט געשטעלט,
ניט צו לאָזן די טייוולאָנים חרוב מאַכן די וועלט!

בויען כ׳וויל אַ בריק

איר שפּאַסט פון מיינע חלומות, איר רופט מיך אוטאָפּיסט,
ווען אייער רעאַלע ווירקלעכקייט וואַקסט אויפן מיסט.
גאָר אַן אַנדערע ווירקלעכקייט מיין חלום האָט אויסגעשמידט.
פון אַ וועלט אַ ליכטיקע, הער ווי עס זינגט מיין ליד!

וויל מיין ליד אויסטרוקענען פון דער ערד די טרערן,
אויפן בלויען הימל אָנצינדן אַ נייעם שטערן.
אַלע בלוטיקע שריפות, די פלאַמען און די אַשן,
די שמוצן פון דער וועלט מיין חלום וויל אָפּוואַשן.

נאָר פון אַ געוואַגטן חלום אויסוואַקסן קען אַ באַשייד,
אַ סוף צו מאַכן צו אַלע ווייטאָקן און צו לייד.
כ׳ווייס אַז ביז דאַן, אַוועק וועט לאַנגע יאָרן,
מיר טאָרן אָבער דעם חלום ניט אויסמעקן פון זכרון.

כ׳ווייס אַז מיינע לידער — פּאַר אייך אַ פרעמדע שפּראַך,
זיי שפּאַנען אויף נייע וועגן, זוכן אַ נייעם שליאַך.
זענען מיינע לידער פון שטורעם אַ מוזיק,
צו אַ וועלט אַ פרייע, בויען כ׳וויל אַ בריק.

אָפּוואַשן דעם שאַנד פון פעלקער און פון ראַסן־האַס,
זאָל פלאַטערן מיין ליד, ווי אַ פאָן אין מיטן גאַס.
פלאַנצן כ׳וועל אַ חלום, וואָס ווערן זאָל אַ וואָר,
אויפבליען זאָל אַ גאָרטן פון אַ הערלעכן דור.

מיר זענען אַ שיף

כאָטש געחלומט צו די הימלען זיך צו דערהויבן,
דאָך געקושט די ערד, וואָס די פיס אויף איר געטראָטן.
כ׳האָב דורכגעשפּרייזט אַלע ליכטיקע און בלינדע קאָרידאָרן,
צווישן פּאַראַלן און ציטאַטן, אַ גרויסן חלום פאַרלוירן.
געזוכט אומעטום די ריינסטע כוונות,
געפונען אַ פאַרחושכטע געדאַנקען־קמצנות.
וואָס האָב איך געזוכט אויף דער וועלט?
ניט קיין שכר, ניט קיין עונש.
בלויז פרייד און פרייהייט ביי די געטער געבעטן, —
געטראָפן די שענסטע חלומות צעטרעטן.

מיר זענען אַ שיף, וואָס שווימט איבער יאָרן,
צו דער פאַרלוירענער צייט צוריק לאָמיר פאָרן.
צום אַלטן גן־עדן, ווו אדם און חוה,
בענקען נאָך אַלץ צו דער גאָלדענער פּאַווע.
אפשר געשען וועט דער נס און דער וווּנדער,
מיר וועלן פון גרויסע, צוריק ווערן קינדער?
מירן אָפּנאַרן דעם זייגער פון דער צייט,
אויסצירן אונדזער היינט אין אַן אַלט פּרינצעסן־קלייד.
יאָ, אַלע קראַנקייטן וועט די מעדיצין אויסהיילן ביזן יסוד,
אָבער ניט פון גאווה און ניט פון גדלנות.
מעגלעך אַז דער גרעסטער וואָר איז גאָר דעם חלום,
מוז מען מיטן גורל אויך לעבן בשלום.
ניטאָ זיך וואָס צו איילן, אַליין וועט קומען די שעה,
ווען דער טויט וועט פאַרבעטן אויף אַ ראַנדעוווּ.
דערווייל עפּעס זינגט אין מיר און בענטשט דאָס לעבן,
עפּעס ציטערט אין מיר דער פּחד פאַרן טויט!

כ׳האָב ליב די גאַנצע וועלט

כ׳האָב ליב די גאַנצע וועלט, ווי אַן אייגענער היים.
אַלע לענדער און שטעט, כ׳נעם און מיין האַרץ אַריין.
כ׳ליב די מענטשן פון שלום פון אַלערליי נאַציעס,
פון אַלע פעלקער די שיינע גראַציעס.
יעדעס לאַנד, וואָס פלאַנצט פון ליבע אַ גאָרטן,
די מענטשן, ווי בלומען פון כלערליי סאָרטן.
כ׳ליב דאָס פרעכטיקע איטאַליע, פון ליבע און געזאַנגען,
וואָס מיט איר כישוף דאָס האַרץ מיינס האָט געפאַנגען.
און פראַנקרייכס גרויסע גייסטער, און וווּנדער־ראָמאַנען,
וויפל קאַמעליען־דאַמען זענען נאָך דאָרטן פאַראַנען.
דיין אַנטיקע, די פאַרכישופטע נשמה פון ראָמען ראָלאַן,
מיט אַ פרעכטיקן חלום איבערן לעבן געשפאַנט.
און דו האָלאַנד, פון מענטשלעכן געוויסן דער וועכטער,
ווי ליכטיקע בלומען דיינע זין און טעכטער.
און איר טייערע מענטשן פון אַלפן־לאַנד.
פון גרעסטער העפלעכקייט און טאָלעראַנט.
דענעמאַרק כ׳האָב אַ טייער פאָלק אין דיר דערזען,
קלוג און ליב, ווי די מעשהלעך פון האַנס אַנדערסען.
אויך דיין שכן שוועדן, כ׳ליב אייך ביידן,
די וואַרעמע הערצער פון אַ קאַלטן גן־עדן.
אויך די וואַרעמע נשמות פון קאַלטן נאָרוועגיע,
עס זינגען די פיאָרדן דאָרט אויס אַן עלעגיע.
און דיך גריכנלאַנד, כאָטש נאָך קיינמאָל געזען,
טיף אין מיין נשמה ביסט תמיד אַ לעגענדע געווען.
כ׳ליב דיך שפאַניע, דיין באַרצעלאָנע און סאַראַגאָס,
ביסט דער טרוימער פון פרייהייט — אַ דאָן קיכאָט.
דאָס רוסישע פאָלק כ׳האָב ליב נאָר פון ווייטן,
ווייל זי טראָגט נאָך אַלץ די אַלטע פאַרזשאַווערטע קייטן.
נאָך שטורעם און ליידן מיט גלויבן געברענט,

אַ ליכטיקן חלום, פֿאַרפּינצטערט, פֿאַרשענדט.
ווי קען איך דיך ליבן, ווי פֿאַרברענט איז מיין עבר,
ביסט פּוילן פֿאַר מיין פֿאָלק — אַ ריזיקער קבר.
דיין פּאָעט קאָכאַנאָווסקי באַוויינט זיין איינציקע אָרשולאַ,
מיר באַוויינען מיליאָנען קינדער, באַגראָבענע אין
דיינע קברים.
כ׳האָס אויך דאָס לאַנד פֿון טויזנטיעריקן רייך,
וואָס מיט מאָרד און פֿאַרברעכן אַ פֿאַרבלוטיקטער טייך.
מיט מיליאָנען קרבנות דאָס געוויסן פֿאַרשוועכט,
אַ פֿאָלק צו שינאה און האָס איז פֿאַרקנעכט.

ליב איך אַלע פֿרייע מענטשן פֿון פֿעלקער און לענדער,
די לעבעדיקע ראָמאַנען אין מיליאָנען בענדער.
אייך ליכטיקע טעכטער, מיט נשמות, ווי ספֿינקסן,
וואָס קענען מיט ליבע די וועלט פֿאַרזיסן.
איז צו וואָס די פֿעלקער־צעטיילונג, די גרענעץ־וואַכן,
ווען די ליבע רעדט אין אַלערליי שפּראַכן?
האָב איך ליב אַלע פֿעלקער און לענדער,
מיין אייגן פֿאָלק און לאַנד גאָר באַזונדער,
אַ פֿאָלק וואָס אַרויס פֿון קברים און בונקערס,
געבויט זיך אַ היים אויף נסים און וווּנדער.
כ׳זע דעם יידישן שמייכל, דעם קינדער־געלעכטער,
ס׳בליט דאָ דער חן פֿון יידישע מאַמעס און טעכטער.
די יוגנט — אַ חלום אין דעם לאַנד דעם באַנייטן,
אַ פֿאָלק וואָס צעריסן פֿון קנעכטשאַפֿט די קייטן.
אָבער ניט נאָך חלב ודבש מיר צו דיר געקומען,
נאָר אַ היים, פֿון פֿרייהייט און יושר, ביי דיר צו געפֿינען.
כ׳האָב דורכגעוואַנדערט אַ סך ליבע שטעט און לענדער,
איצט וויל איך אין ערגעץ ניט זיין מער קיין פֿרעמדער!

די געטין פון שיינקייט און זינד

ערגעץ ליגט דער ווענוס באַרג,
דאָרט וווינט די שיינקייט אין אַ רויזן־פּאַרק.
די געטין פון ליבע, ווי אַ כלה אונטער חופּה־שטאַנגען,
צעפלאַמט זי אַרום גאָר זינדיקע פאַרלאַנגען.
ווי אַ יונג־פרוי באַקליידט גאָר באַשיידן,
באַדעקט בלויז מיט אַ פייגן־בלאַט, ווי חוה אין גן־עדן.
וויגט דאָרט די געטין איר נייַ געבוירן קינד,
די פרוכט פון הייסע ליבע און פון עולם־הזה־זינד.
פון עראָסן אַליין באַקומען, ווי אַ גרויס געשאַנק,
פון דער העכסטער ליבע אַ וווּנדערלעך געזאַנג.

אויפן באַרג פון ליבע דאָרט די פּאָעזיע בליט,
די שענסטע פון די געטינס אויף איר גיטאַרע שפּילט.
אַ געטלעך געזאַנג, וואָס וועקט צו פרייד און לעבן,
ווי זינד גייט געאָרעמט מיט די איידלסטע באַגערן.
נאָר דער הייליקער קלויסטער טוט דאָס שטאַרק פאַרדריסן,
וואָס פון חטא און זינד, דער מענטש טוט געניסן.
האַלט זי טאַקע פאַר איר הייליקסטן פליכט,
מיט אַ שוואַרצן מאַנטל פאַרלעשן דאָס שטראַליקע ליכט.
אויך דעם העלענישן גייסט, וואָס מיט שיינקייט געבענטשט,
געשאָנקען פרייד און גליק, דעם באַפרייטן מענטש.
האָט ווענוס הויך פון קלויסטער זיך צעלאַכט —
ווייל דאָס לעבן קומט דאָך פון דער מוטער־טראַכט.
ניט פון קיין גאָט, וואָס בלוטיקט אויף אַ קרייץ,
נאָך פון יצר־הרע, וואָס עראָס האָט צערייצט.
אַפילו דער הייליקער גייסט מיט אַ מאַדאָנע אין בעט, —
אַ גאָט איז געבוירן פון זינד און פון חטא.

אַ, מענטש

ס'איז דיין באַריקאַדע געבויט פון ליידן און פון גסיסה,
דיין גייסט פאַרשפאַרט אין פינצטערניש פון תפיסה.
ביסט פון גליק אַנטלאָפן צו גרוילעכע קאָשמאַרן,
בויסט אַ נייעם בבל־טורעם פון טויזנטער געפאַרן.
ווי האַמלעט צווייפלסטו — זיין אָדער ניט זיין?
ווערסט אין נעצן געפאַנגען, פון יעדער „לאָרעליי ביים ריין".

דער גרויסער פראַגע־צייכן מאַטערט דיך כסדר,
דיין מענטשלעכע שפּראַך פאַרטוישט אויף גיפט
האָסטו ליידער.
ניט קיין אָדלער ביסט, נאָר אַ קראָ אַ גרויע,
כאָטש נאַקעט פליט דיין חלום צו די הימלען בלויע.
פאַר די טויערן פונעם מאָרגן געשטעלט זיך ווי אַ שומר.
אין מיטן גלאַנץ פון לעבן, בלאַנקעסט אַרום אַ טרוימער.
געקומען ביסט צו אַ פרילינג, פון ווייט־ווייטע מקומות,
צו גראָבן דאָ אַ קבר פאַר פאַרלאָשענע חלומות.

אַנטלויף, דו מענטש, פון קברים־גייסט,
פון אָרגל־קלאַנג און פון טונקעלע קאַטעדראַלן,
זיי שטאָלץ, וואָס גייסטיקע ריזן האָבן פאַר דיר,
אויסגעשפּרייט אַ הימל, מיט ליכטיקע אידעאַלן,
געלערנט דיך. ווי די פרייהייט צו דערגרייכן,
ווי אַ שטאָלצער מאַן צו קלעטערן צו די העכסטע הייכן.
ציטער ניט, וואָס עס קריצן אויף דיר הינטישע ציינער,
מעג אַ שקלאַפן־פאָלק באַוואַרפן דיך מיט שטיינער.
וועט אַ העלע זון מיט ליבע דיין וועג באַלייכטן,
דערהייב זיך הויך, ווו דיין דמיון קען נאָר דערגרייכן.

מיסטעריע

מען זאָגט, אַז די וועלט איז איינגעהילט אין אַ מיסטעריע.
דער קאָסמאָס געקנאָטן פון ענערגיע און מאַטעריע.
אָבער אירע סודות פאַר דיר זענען פאַרמאַכט,
אפשר אַן אומבאַקאַנטער גאָט איבער איר האָט די מאַכט?
דו ווייסט ניט ווער פאַר וועמען איז שטאַרקער,
די זונען־שיין צי דער חושך פון דער נאַכט?
אפשר וווינט אַ גאָט אין די קוואַלן פון ענערגיע,
און פּראָוועט דאָרטן זיין געהיימע, טאָפּלטע בוכאַלטעריע?

נאָר דו מענטש אין גהינום־נעכט פון ציטער,
טרייבסט דיין שיף איבער שטורעם און געוויטער.
דו צעלאָזט די זעגלען פון דיינע טייוולאָנישע באַגערן,
נאָך חלומות פּוסטע, פאַרלאָשענע שוין שטערן.
פּילסטו אַן דיין בעכער מיט ערזאַץ גלויבן־געטראַנקען,
און די קלויבסט די ברעקלעך פון שוין געשטאָרבענע
געדאַנקען.
דו ראַנגלסט זיך צווישן גרויזאַמקייט און רחמנות,
צווישן אָנגעצונדענע דמיונות און גייסטיקע קמצנות.
בויסטו אין בבל דיין טורעם צום הימל,
וועקסט די אָלימפּישע געטער פון זייער לאַנגן דרימל.
און ווידער זינגסטו דיין אַלט ניט־פאַרגעסן לידל,
ווייל מאָרגן קענסטו ווערן אַ צעבראָכענער שוין פידל.
אַ ליידיקע פלאַש — דאָס וויין אויסגעגאָסן,
וויברירט דיין האַרץ מיט יאוש און פאַרדראָסן.
געהאַט דאָס גליק פאַר דער נאָז, און נישט געקענט אָנכאַפּן,
געשטאַנען פאַרן קוואַל — קיין פרייד ניט געקענט אָנזאַפּן.
בויסטו פון רשעות דיין מעכטיקע אימפּעריע,
אויפן קאַלטן פּלאַנעט איינגעהילט אין מיסטעריע.

מאַכט פּלאַץ

מאַכט פּלאַץ איר הערשערישע טיראַנען, דעספּאָטן,
דער בונט פון עלנט קלאַפּט אין אייערע טויערן.
אייער אונטערגאַנג מוז קומען!
די הימלאָזע און עלנטע קרבנות פון אייער מאַכט:
די טרוימערס און הונגעריקע פּאָעטן,
פון אַלע לענדער פאַרפאָלגטע בונטאַרן.
די מאַראַטס, סאַמואַדאַנס און דאַרוטיס,
וועלן צעשמעטערן די מאַכט פון די הארן,
די מחנה פון רויבערס, וואָס זאַמלען מיליאָנען,
עגאָיסטן און דינערס צום גאָלדענעם קאַלב.
אייך אָפּווישן וועט דער בראַנד פון דער פאַריזער קאָמונע,
מאַכט פּלאַץ פאַרן מאַרסעליעזע־געזאַנג!

ציטערט איר מיניסטאַרן מיט קאַלטע הערצער,
דער ווילן פון שלום — שטאַרקער פון אייערע קאַנאָנען,
די אלמנות, יתומים און מלחמה־אינוואַלידן,
וועלן צערייסן אייערע פאַרבלוטיקטע פאַנען!
זיי וועלן אַ נייעם געווער פון פרידן אויסשמידן,
פעלקער־פריינדשאַפט איבער דער וועלט פּראָקלאַמירן!

איר פאַרשקלאַפּטע צו מאָרד און קריג,
אין בלוטיקן געיעג נאָך זיג,
אַלץ וואָס איר צעשטערט און צעטרעט, —
ס'איז נאָך אַלץ ניט צו שפּעט,
דער ווילן צו פרייהייט איז שטאַרקער פון אַלע טראַנען,
שטאַרקער פון אייער געהיים־פּאָליציי און שפּיאָנען!
איר פאַלשע צינגער פון אומגערעכטיקייט־געזאַנג,
זייט וויסן, כ'הער שוין קלאַנגען פון אייער אונטערגאַנג!

אַ גרויזאַמע שטילקייט

אַ גרויזאַמע שטילקייט, ווי אַ מוראַדיקער געשריי,
זאָגט אָן דעם סוף, די ענדע, דעם לעצטן וויי.
די וואָלקנס אויף שטיקער צעריסן,
דאָס לעבן ברעכט האַלדז און נאַקן,
דער טייוול צווישן וואָלקנס און פייער־בליצן,
ניטאָ קיין אָרט ווו דאָס לעבן צו שיצן.
טראָגט זיך די סטיכיע — אַ ווילד צעשויבערט פערד,
אַ שוואַרצער געשפּענסט הילט איין די ערד.

צינדן און לעשן זיך בליציקע פלאַמען,
פון דער ערד, ווי אַ קוימען — אַ שטיקנדער רויך,
דער מענטש אַ קרבן, פון פייער און סמען,
פון יסורים און ליידן אַ צאָרן־געשריי!
צי גייט די וועלט זיך פאַרלעשן, פאַרזינקען?
צי האָט זי צו ווייניק, זיך מיט בלוט אָנגעטרונקען?
באַגראָבן די שענסטע האָפונגען אין קאָכיקן קוואַל,
ווו עס טאַנצן וואַמפּירן אין ווילדן קאַרנאַוואַל.

בליצן דעם נביאס ווערטער אויף דעם זינדיקן יריד —
צאָרנדיקע ווערטער אין פלאַם־פייער געשמידט,
די וואָס פּינצטערניש אין אַלע עקן פאַרשפּרייטן —
ווילן אָנטאָן אויף אונדזערע נשמות קנעכטישע קייטן!

ווי צום מענטש

ער איז געקומען, ווי צום מענטש!
דער באַגרעבער פון אַלע האָפענונגען,
דער קברהמאַן פון אַלע שטרעבונגען,
דער משחית, דער בייזער גייסט,
ער דער אָנהייב פון אונטערגאַנג,
דער פאַרניכטער פון לעצטן טרייסט.

ער איז געקומען, ווי צום מענטש!
דער טויט־שרעק פאַר גאַנצע פעלקער.
דער פאַרטיליקער פון לעבן,
דער דערפינדער פון שרעקליכסטע טויטן,
וואָס דאָס מענטשליכע פאַרברעכן האָט נאָר אויסגעפינען,
אַראָפּצוטרייבן די וועלט פונעם זינען.

ניטאָ קיין באַלזאַם פאַר צעשראָקענע נשמות.
אומזיסט האָפונג און דאָס זוכן אַ טרייסט.
אַריינגעשליידערט אין די פינצטערע אָפּגרונטן,
אַ תל־עולם פון מענטשלעכן גייסט.
שפּאַנען מיר אָן אַ ציל אויף הילצערנע קוליעס,
אונדזערע נשמות פאַרקנסט צו דער וואַנזיניקער מאַכט,
מיר פאַלן, ווי פליגן, אין ווילד־ברוטאַלן שלאַכט.

פאַרוואָס אין קאַמף צווישן ליכט און פינצטערניש,
מוז זיגן די בייזע נאַכט?
ווער זענען זיי די פינצטערע פאַרשווינען,
וואָס טראָגן אויף די קעפּ די פאַרבלוטיקטע קרוינען?

כ׳וויל דיר זאָגן

אויב כבוד, כ׳וויל דיר זאָגן גלייך אין פּנים,
קומט די מוטערס וואָס מיט ליבע די קינדער אַרומרינגלען,
דאָס קומט דעם נאַיוון פויער, וואָס די ערד צעאַקערט,
די אַלע, וואָס פון לעבן פאַרשיכורט און צעפלאַקערט.
און די תמימים, וואָס שטעלן דער ליבע אַ טעמפּל,
וואָס ווערן קיינמאָל מיד, צום בלויען קאַיאָר צו שטרעבן.
און מיט קראַפט פון ווילן באַלייכטן זיי דאָס לעבן,
זיי די לונאַטיקערס, וואָס צו דער לבנה זיך רייסן,
די וואָס מיט ליבע, די וועלט זיי טרייסטן.
וואָס שטרעקן אויס די הענט צום פלאַם פון נייעם לעבן
און עפענען די טירן צו דעם נייעם טאָג.
די וואָס קערן אויס די גאַסן פונעם מאָרגן־שטויב,
פאַר זיי אַלע מיין שבח, מיין ברכה און מיין לויב!
כ׳באַגריס די אַלע וואָס דעם ווינטער זיי פאַרטרייבן,
אַ ראָזן בלאַט אין דער געשיכטע זיי איינשרייבן.
ווי נאָר דאָס האַרץ פון שטאָט עפנט אירע אויגן,
און דער הימל מיט אַ נייעם ליכט באַצויגן,
די אַלע וואָס שפּאַנען צו אַ נייעם פרילינג,
וועלן פאַר דער פינצטערניש זייערע קעפּ ניט בייגן!
כל הכבוד צו די לערערס, וואָס אַ נייעם מענטש דערציען.
וואָס דעם פלאַם פון פרייהייט אין הערצער זיי צעגליען!

אַז אַ מאַסקע אויפֿן פּנים

ווען דו קומסט צו מיר,
שליידער אַראָפּ די מאַסקע פֿון דיין פּנים,
אויך פֿון דיין נשמה, מיין פֿריינד.
זיי ניט מיין אַדוואָקאַט, ניט מיין ריכטער,
פֿאַרמשפּט ניט מיין נעכטן, ניט מיין היינט.
כאָטש כ׳בין אַ טורמע־אַרעסטאַנט —
פֿאַרמשפּט צום לעבן און צום טויט.
צו איז ניט גרויזאַם לאַנגווייליק,
צו לעבן פֿאַרבייאיק און צייטווייליק ?
צו זיין צוגעשמידט און פֿאַרשקלאָפֿט,
צו דער מאַשין פֿון טויזנט קראַפֿט,
צום „פֿרייוועט״ און באַנקאַמאַט ?

אַ חלום אויפֿגעפּלאַמט ווי אַ גרויסער נס.
איצט איז מיין גלויבן אַ קאַלטער מת.
כאָטש איך זוך נאָך אַלץ אַ געדעכטן גאָט —
נאָכן געשאַכטענעם חלום — אַ גרויזאַמער באַנקראָט.
מוז איך ניט קניען פֿאַר דער ציוויליזירטער באַרבעריי,
קיינמאָל ניט זיכער, קיינמאָל ניט פֿריי.
וואַנדער איך איבער דרכים געהיימע,
צווישן ליבע, שינאה און אימה,
כ׳זוך אַ גלויב און קען ניט געפֿינען,
ווייל גאָט זיך באַהאַלטן די פּוסטע רואינען.
אויך די דערלייזער אין מאַסקעס פֿון אַ לץ,
האָבן אויסגעשפּרייט זייער טרויעריקע נעץ,
און אויב קומען וועט אַ מלאך אָדער אַ שד,
וועט דאָס זיין שוין צו שפּעט !
אָ, איר הייליקע און בלויע מלאכים,
פֿון קלויסטערס, בורדעלן איר זינדיקע גלוחים !

איטאַליע

לאַנד פון חלומות — אַ פאַרליבטע פרינצעסין,
וואַקסט אין מיין זכרון מיט צעגליטער קראַפט,
ווי עס בענקען מאַטראָזן און זייער היים ניט פאַרגעסן,
בין איך צו דיין פראַכט, געפאַנגען, פאַרשקלאַפט.

עס בעטלען קבצנים ביי דיינע קלויסטער־שוועלן,
עס שמייכלען גאָלדענע קופּאָלן, דער מאַרמאָר פון די זיילן,
ווי דיינע שיינע מאַדאָנעס אין די זינד־האָטעלן,
מיט זייער צניעות די געסט זיי פאַרווײַלן.

איטאַליע מיט ליבע, אין ווײַן אָנגעזויפּט.
דיין יעדער מאַן אַ ראַפאַעלאָ, אַ קאַרוזאָ.
אין וועגעדיק האָט בייראָן און שעלי אויף גאָנדאָלעס,
געחלומט פון פרייהייט — די פרינצן פון דער מוזע.

אין די קלויסטער דיינע מאַריעס מיט פיבערדיקע בליקן,
פאַרגלאָצטע גלוחישע. אויגן ביזן הימל געווענדט,
ראָמאַנטישער עראָטיק און אינקוויזיציע־שייטערס.
מיט זינד־הייזער פון תענוגים פאַרבלענדט.

ביסט צאַרט ווי אַ ווייב, נאַיוו ווי אַ קינד,
מיט הייליקייט, שיינקייט און עקסטאַז,
אַריעס פליסן, ווי קושן פון דיינע ליפּן,
ביסט אַ גאָלדענער חלום — פון שיינקייט אַ פאַרנאַס.

לאַנד פון לעגענדעס, העלדן־ריטער און שקלאַפן־לייב,
אין דיינע טויערן איז אַ פאַרטריבענער משיח געזעסן,
מיט פאַרבלוטיקטע גלידער — אַן עלנטער בעטלער,
אין דער וועלט פון זינד געוואָרן פאַרגעסן.

כ'וואָלט דעם פּראַכט פון דיין גאָלדענעם בעכער געטרונקען,
גייציק דיין פלאַמיקע מוזע, מיט מיינע חושים געשלונגען,
דיינע לידער, סאָנעטן, לירישע ראָמאַנסן פון ליבע צעגליטע, —
איך בענק נאָך דיין פּראַכט, נאָך דיין שיינקייט צעבליטע.

אַ פאָלק וואָס גייט איבער גאַסן און זינגט,
אויפן געטער־יריד זיך פאָרען ווייסע מלאכים,
און פּראַוועז הייליקע יום־טובים און קאַרנאַוואַלן.
מיט פינצטערניש געשפּייזט פון אַלטע גלחים.

אין די קלויסטערס בלוטיקט אַ ייד אויף די ווענט,
און הערצער צאַפּלען פון תפילות און ערדישע זינד,
טראָגן הייליקע איקאָנעס אין מידע הענט,
אַ געטלעכע קאָמעדיע ווערט טאָג־טעגלעך געשפּינט.

קינדער אָן היימען שלאָפן אויפן גאַס,
און חלומען פון די מאַדאָנעס רחמנותדיק האַרץ.
פון האָפענונג ציטערט, ווי פון אַ בוים אַ בלאַט,
ווי דאַנטעם גיהנום — דאָס געוויסן איז שוואַרץ.

פון אָרעמע נעסטן אַ גיהנומדיקן גרויל,
חלומות, געזאַנגען אין דיין פאַרשיכורטן מויל.
זינדיקע מאַדאָנעס זינגען אויס זייער אַלט ציניש לידל —
איטאַליע מיין פאָלק, ביסט פון צויבער אַ פידל.

מיין שטאָט

גאַס מיט גאַס, באַהאַפטן, פֿאַרפּלאָנטערט,
דאָ צו לעבן מיר געוואָרן באַשערט.
אויסגעשפּרייט מיינע פֿליגל, ווי דאָס לעבן זידט,
אין פֿאַרכישופֿטן לאַבירינט פֿון מענטשלעכן יריד.
אויף שמאָלע גאַסן, וואָס ציען ביזן ברייטן ים,
זוך אין צווישן מענטשן, פֿון לעבן דעם טעם.
כ'זוך פֿלאַמיקע אויגן פֿון אַ פֿרילינג־געזאַנג,
פֿאַרשיכורט פֿון ליבע — אַ פֿאַרבענקטער פֿאַרלאַנג.
כ'שפּין דאָ אַ וויזיע פֿון „טויזנט און איין נאַכט״.
כ'וואַנדער מיט אַ חלום פֿון אַ זומער־פֿאַרנאַכט.

שטאָט פֿון ראָזע חלומות — אַ לעבעדיק מעשה־בוך,
פֿון הייסן־פֿרילינג, אַ טויער צום „יודן־לאַנד״.
בויט מען דאָ חלומות אויף נסים און אויף זאַמד.
בליען דאָ „לופֿט־פּרנסות״ פֿון דאָלאַרן־חלומות,
פֿון פֿאַרטריבענע היימען, געשאָכטענע מקומות.
אויך מנחם־מענדל דאָ אַ נייע פּרנסה געפֿונען,
אויף ליליענבלומער בערזע — זיינע גליקן צערינען.
די ווענט פֿון ציגל און בעטאָנען שווייגן אויס אַ סוד,
די זינד דאָ באַהאַלטן אונטער אַ הויכן פּלויט.
מענטשן זיך דאָ טובלען אין אַ נייעם גלויבן,
קושן זיך יונגע פּאָרלעך, ליבן זיך ווי טויבן.
נאָר איך קוק מיט די אויגן און מיט אַן אָפֿן מויל.
שעפּ לעבעדיקע דראַמעס פֿון קאָשמאַרן און גרויל.
לויפֿן דאָ די אויטאָס צווישן ענגשאַפֿט און חמסין,
ווי נאָר די נאַכט וועט קומען, די שטאָט ווערט שטום.
אַ זיס פֿרילינג־ווינטל צעטרייבן די הייסע לופֿט,
אויפֿוואַכן וועט די ליבע ווען די נאַכט זי שלאָפֿט.
און בענקשאַפֿט נאָך ליבע מיט אַ ניט־געזעטיקטן הונגער,
שפּאַנט איבער גאַסן אַן אָרימער יידיש־זינגער.

זיסע רייד

די וואָס רעדן אַזוי זיס, אַזוי שיין,
אַז גרייט זענען זייער לעבן מקריב זיין,
פאַר אַלטע קברים און הייליקע שטיינער,
זיי וויסן — זיי וועלן היטן די אייגענע ביינער,
און דאָס ערשטע וועלן זיי דיך מקריב זיין!

דערפאַר אייל זיך ניט צו שטאַרבן פאַר פוסטע „אמתן",
און שריי ניט „הוראַ" פאַר אַ יאָ אָדער ניין!
אויב ווילסט דווקא ווערן אַ מאַרטירער,
זיי ניט קיין שקלאַף צו וואָרט־זשאָנגלער,
ניט צו צינגער, וואָס לויפן אין גאַלאָפּ.
זינג ניט קיין שבחים צום מיניסטער און פּאָפּ...
זיי אין די מאַסקעס פון הייליקע יעזואיטן,
וואַרפן דיר שיריים פון צוגעזאָגטע גליקן.
בלישטשענדיקע גלעזער פאַר דימאַנטן זיי פאַרקויפן, —
זאָלסטו פון הייליקע, וואָס ווייטער אַנטלויפן!
זיי טראָגן אַ קרייץ און אַ שווערד
אַ מויל מיט פאַרסטעטע ווערטער, און אַ זעקל הייליקע ערד.
און מאַכן פאַר אַ גאָט אַ הייליקן נאַר...
זיי ווילן פון פאָלק מאַכן ווייסע ציגעלעך,
פון אַ הייליקן טיגער פאַרצוקט צו ווערן.
די דאָזיקע פּאַטריאָטן אונדז שוין גוט דערעסן,
זיי רעדן כסדר וועגן טובה פאַרן פאָלק,
און זאָרגן בלויז פאַר אייגענע אינטערעסן.

זעט ברידער

זעט ברידער — אַ דולע מאַנשאַפט פּראַוועט איר מאַסקאַראַד,
איבער איר אייגענעם חלום — אַ שעדלעכער פּאַראַט.
איז דאָס ניט קיין צייכן פון גרעסטן באַנקראָט,
ווען די געטרייסטע חברים מען שטעלט צום עשאַפאָט?
אין נאָמען פון פרייהייט — אַ פינצטערער וואָר,
געשענדעט איז דער חלום פון אַ בונטאַרישן דור.
באַדעקט מיט פראַזן, מיט שקר פאַרזייט,
אַ מעכטיקע אימפעריע, אָן אַ שמץ פון פרייד.
בלוטיקע ברואים, ניט־געזעטיקטע וואַמפּירן,
דאָס לאַנד פון שניי, באַפאַרבט מיט רויט־פליסיקע קאָלירן.
ליכטיקע הימלען מיט שוואַרצע וואָלקנס פאַרשטעלט,
צווישן מענטש און מענטש, אַ שטומע וואַנט אויפגעשטעלט.
צי קען נאָך זיין אַ גרעסערע שאַנד,
סטאַלינס אויסגעשטרעקטע, צו היטלערן זיין האַנט?
און פון דעם „שטיקל וועג צו גיין צוזאַמען",
געפלאַקערט האָט די וועלט אין פייער־פלאַמען.

אָבער אויך איך האָב געזינדיקט, אַ שטיקל וועג געגאַנגען,
אין זייערע נעצן פון קברים־אידעאַלן געפאַנגען.
אויך איך האָב געגלויבט אין סטאַלין ימח שמו.
וואָס פון שינאה צעבלאָזט אַ פאָזשאַר מיראַוווי.
מיט די חלום־פאַרלעשערס אין אַ הייליקן בונד, —
פייניקט מיין געוויסן — אַ ניט פאַרהיילטער ווונד.

צי ווייסט איר?

צי ווייסט איר אַז אין דער מענטשליכער נשמה ליגט
אַ האַרפּע?
וווּנדערלעכע געפילן אין די טיפענישן פון יעדן בליק.
אויף די סטרונעס פון נשמות — געהיימע טענער,
ווי די טרויעריק־זיסע שאָפּען־מוזיק.

אונדזער לעבן אַן איינזאַמער אינדזל אין שטורמישן ים.
און מיר זוכן די בריק צו דער אייביקייט,
מיר זוכן דאָס זוניקע לאַנד פון אונדזערע חלומות,
אויף די בריק צו אונדזער אייגענעם זיין.
מיר זוכן דעם שליסל צו פאַרבאָרגענע סודות.
צו די פאַרמאַכטע טירן פון צוגעזאָגטן צויבער־לאַנד.
מיר האָבן נאָך אונדזער נשמה־ליד ניט אויסגעזונגען,
אונדזער צעברויזטן חלום נאָך ניט אויסגעחלומט,
ס׳איז דאָ אַ חוב וואָס מען איז שולדיק זיך אַליין.
און בלייבן זיך אַליין געטריי.
מיר ווילן זיין ווי די פויגל ניט־געפאַנגענע,
ווי שטאָלצע אָדלערס אין די הימלען פריי.
מיר טאָפּשטען ליידער אין די טאָג־טעגליכע בלאָטעס.
ביי אַ טייל מענטשן זענען די נשמות שוין פאַראָסט,
נשמות וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט געקלונגען.
דאָס ליד פון פרייד — נאָך קיינמאָל ניט אויסגעזונגען!

שטייט אויף!

שטייט אויף איר דערמאָרדעטע פאַר יושר און פרייהייט,
איר צעבונטעוועטע שקלאַפן פון ספּאַרטאַקוס לעגיאָנען.
איר דעקאַבריסטן און פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ.
איר דערשאָסענע פּאַריזער קאָמונאַרן,
געהאָנגענע שיקאַגער אַנאַרכיסטן.
אַלע פריידענקער פאַרברענטע אויף אינקוויזיציעס,
קעמפער קעגן פינצטערן קלער, פאַרן פרייען געדאַנק,
שטייט אויף מוטיקע קעמפער פאַר אַ פריי שפּאַניע,
אַלע קעמפער קעגן נאַצישן דייטשלאַנד,
איר העראָישע קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ.
פּאַרטיזאַנער און קעמפער קעגן נאַציזם.
פאַרברענטע קרבנות פון היטלער־פאַשיזם,
פון די נאַצישע מערדער־באַטאַליאָנען
וועגן אייך האָט פונעם גאָרגל פון דער ערד געשריגן —
דער טויט פון מיליאָנען!
שטייט אויף איר אַלע וואָס אין פיינען געבוירן,
נשמות אַרויסגעריסענע פון מענטשלעכן זכרון,
די אַלע וואָס האָבן ניט פאַרלוירן די מענטשלעכע שפּראַך,
קעמפער פאַר אַ פריי ישראל, העלדן פון פלמ״ח.
שטייט אויף איר קעמפער פאַרן גליק פון די פעלקער,
איר קעמפער פאַר מענטשן־רעכט.
קעגן פעלקער און ראַסן־האַס!
קרבנות פון אַלע בלוטיקע מלחמות.
הויבט אויף די פאָן פון פרייען מענטש!

טשערנאָביל

טשערנאָביל, פון גרויזאַמער אַטאָם־קאַטאַסטראָפע,
זי דערמאָנט דעם מענטש ער איז ווייט צו זיין אַ גאָט,
דאָס פּיצעלע אַטאָמעלע קען דעם גרעסטן חכם מאַכן
צו שפּאָט.
זי קען שענקען קראַפט און אויך לערנען בלק.
ווער קעגן דער נאַטור זיין וויל אַ זשוליק.
וואָס גרעסער דער נצחון פון מענטש איבער נאַטור, —
די גרעסטע סכנה, אַז ניט בלייבן פון אים קיין שפּור.
וואָס מער סודות פון דער נאַטור ער רייסט אַרויס,
בלייבן די פּראָגעצייכנס נאָך גרעסער פון גרויס.
די נאַטור האָט אונדז געשאָנקען זוויערשטאָף צו עטעמען,
און קוילנשטאָף דעם יסוד פון אונדזערע מאכלים,
אָבער דער מענטש אין זיין געניאַל־פאַרברעכערישע מאָנען,
צעלייגט ניקלאָנען און עלעקטראָנען און דערמיט באַשטעלט,
מיט אַ כעמישער רעאַקציע — אומצוברענגען די וועלט.

די נאַטור האָט אונדז געשאָנקען פון האָפענונג אַ שטראַל,
ניט לעבן מיט איר בשלום — די גרעסטע געפאַר.
פאַרוואָס ניט אויף יעקבס לייטער צו די הימלען קלעטערן,
נאָר זוכן, ווי טייוולאָנים די ערד צעשמעטערן?
צי מוז מען דען וואַרטן ביזן סוף, ביזן ענד,
ווען דער לעצטער מענטש — פון אַטאָם פאַרברענט?
כ'הער פון דיפּלאָמאַטישע מיילער דעם ווערטער־שטראָם,
זיי לויבן און רימען דעם קראַפט פון אַטאָם!
אָבער ווו זענען די פעלקער פון פלאָמיקן זיין —
וואָס זאָלן אויסשרייען זייער געוואַגטן גרויסן — ניין!?

נאַקעט און בלויז

דער בלינדער גורל — אויפן האַלדז אַ קייט,
אַ גרויער וואָלקן מיט טרערן באַגלייט.
איז דען אַ וווּנדער, וואָס עס דונערט מיט כעס —
מיט געפּענטעטן ווילן דער מענטש איז באַקליידט.

בליק איך צום מאָרגן מיט שרעק און ציטער,
צום נעכטן מיט בענקשאַפט און פּיין.
דער היינט איז אויך טרויעריק און ביטער —
און דו מענטש ביסט איינזאַם אַליין.

אפשר פון זינען אַראָפּ איז די וועלט,
דער מענטש זיך אין אַ שד פאַרשטעלט?
ווּ איז דער בן־אדם פון טאַט און מוט? —
פאַרפלייצט איז די וועלט מיט סם און מיט בלוט.

קראַנק איז דאָס לעבן, פינצטער און פוסט,
דולע שדים פראַווען זייער מאַסקן־באַל,
דעם טייוול צו זיין אַ גאָט זיך פאַרגלוסט,
פון רוצחים און תליינים — אַ שוואַרצער מאַראַל.

שווינדלערס, אויסנוצערס לעבן זיך באַקוועם,
זיי שטעלן דער וועלט אַ חוזק־צונג אַרויס,
ווילט זיך אַ שפּיי טאָן אויף דעם געמיינעם סיסטעם,
וואָס שטייט אַזוי נאַקעט, אומפאַרשעמט און אַנטבלויזט!

מיט איין גרויסן — ניין!

ווי צו אונדז! מיר האָבן אַליין זיך פאַראַטן!
אַ העסלעך באַשעפעניש אַרויס פון דער רעוואָלוציע!
מיר האָבן געהאָלפן זי געבוירן,
אַליין אויסגעשמידט די קייטן,
וואָס האָבן אונדז געבונדן.
מירן אַליין געשריבן די געשיכטע־בלאַט,
אויפן אָרט פון אַלטן דעספּאָט,
אויפגעשטעלט אַ נייעם קאַט.
די אַלטע טיראַניע אין אַ נייע פאַרוואַנדלט,
ווי גאַסן־פרויען מיט ווערטער געהאַנדלט,
געמאָרדעט, געטוידט, ווי מערדער־גזלנים,
געדינט דעם שקר, ווי געבוירענע טייוולאָנים.
אַזאַ טרויעריקע וועלט מירן אַליין באַשאַפן,
צו נבזה און רשעות געוואָרן די שקלאַפן?

מיר וואָלטן דאָך מיט איין גרויסן — ניין!
פון די קייטן געקענט זיך אויסלייזן.
עס האָט אונדז בלויז פאַרפעלט דער מוט,
די עקלדיקע דערנער אַרויסצורייסן.

מירן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט,
ווי אַ מנובלדיקע וועלט ווערט געבוירן
און געלייגט אונדזער גליק אויפן וואָגשאָל פון גורל.
ווי מאַריאָנעטקעס געלאָזט פאַר דער נאָז זיך פירן,
אַ פרילינג־חלום אין מענטשלעך בלוט דערטרינקען, —
אַ ליכטיקע וועלט מיט שקר פאַרשטונקען.

שפּאַניע

אין פלאַמען געבוירן דאָס שטאָלצע פאָלק.
אַ דור פון פרייע אָדלערס און פון לייבן,
וואָס געוואַגט די שוואַרצע פעסט —
דעם פאַשיזם פון דיין ערד צו טרייבן.

דער געשפּענסט פון שוואַרצער נאַכט,
וואָס האָבן זיי פון דיין פרייען לאַנד געמאַכט?
אָבער דיין טיטאַנען־גייסט האָט ניט געקניט,
מיטן שוואַרצן טייוול קיין פלירט געפירט.

וואָס האָבן די מערדער געהאַט דערפון,
דיין ליבע, פרייהייט און הייסע זון?
דער טייוול אין יאַגד נאָך מאָרד און מאַכט, —
אַ בלוטיקער קאַרנאַוואַל פון שפּאַניעס פּראַכט.

דיין פרייע פאָן מיט קאַנאָנען־רויך,
דיין גרויסע וויזיע וויסט פאַרשוועבט,
מיט שטיוול איבער דיין פרייהייט טרעט —
באַזיגט דעם מענטש, דעם גייסט פאַרקנעבט.

הויב אויף דיין קאָפּ, דו פאָלק גיגאַנט!
איבער גרויל, געשפּענסט און טויט.
דיין פרייהייט ווידער איבער חורבות שפּאַנט,
דיין זון גייט אויף אין פלאַמען־רויט!

ס'איז דיין פרייהייט, דיין הערלעך הויז,
אומבאַזיגט זי ווידער בליט.
ניט קיין לעגענדע איז דאָס בלויז —
זי ווידער שפּאַנט מיט דרייסטע טריט.

ביסט מענטש

ביסט מענטש פון בלוט און פלייש,
געקנאָטן פון בענקשאַפט און באַנג.
ביסט פון ערד, וואַלד און סטעפּ,
אַ פרילינג פון פויגל־געזאַנג.

פון ליבע און פרייד, פון שטורעם און פייער,
פון שינאה און האַס ביסטו בלינד.
ביסט אַ באַלאַדע פון פיין און הונגער —
אַ קרבן פון תאווה און זינד.

אַ ווילדער וואַלד, ווו עס בלאַנקען געדאַנקען,
אַ שטורמישער ים פון צעברויזטע פאַרלאַנגען.
עס רעדט צו דיר די נאַכט מיט פוסטע חלומות —
אין נעצן פון תאווה ביסטו געפאַנגען.

האָסט געמאַכט זיך אַ גאָט פון חסד און שכל,
די געזעצן פון דזשונגל פאַרשפּרייטסט אויף דער ערד.
די לוחות פון יושר צעריסן אויף שטיקער,
עס פליט דיין פאַנטאַזיע — אַ פייערדיק פערד.

שווימסטו אַרום אין אַ גרויסער אוטאָפּיע,
פאַרשאַלטן צו ראַנגלען פאַרן טעגלעכן ברויט.
ביסט דער סדומישער שומר פון שקר,
דער ריטער פון לעבן און מלאך פון טויט.

ביסט מענטש ניט מיט פליגלען געבוירן,
דאָך ווערסטו אַ גרויזאַמער גאָט.
וואָלסט בעסער דיין עראָגאַנטישע גאווה פאַרלוירן,
צו זיין ניט מער, ווי אַ באַשיידענער, ערלעכער מענטש!

כ׳ווייס

אָ, איר פֿאַרפֿירטע נאַציעס,
מיט שיריים פֿון געדאַנקען אָנגעשטאָפּט.
די נאַרישסטע אילוזיעס פֿון די אַלטע צייטן,
זענען מער רעאַל פֿון אייער היינטיקער רעאַליטעט.
אונטערן ספֿינקס פֿון דעם פֿאַרדאַרבענעם גייסט
האָט איר פֿאַרלוירן אייער שאַפֿונגס־קראַפֿט,
זוכט איר, מיט אויגן־בלינד, פֿון ערגעץ ווו אַ טרייסט.

כ׳ווייס אַז אייך ניט וואַרעמען וועט מיין צאָרן־שפּראַך.
אָבער ווי קען מען געמיטלעך רעדן, ווען עס ברענט
אונדזער דאַך?
דערפֿאַר מיין שפּראַך ביטער, ניט־פֿריידיק,
ווייל ביטער דער אמת, דער יושר באַליידיקט.
ווען אַ הויז ברענט. נעמען מיר דאָך לויפֿן ווילד,
עס וועט דאָך אַ מוטער ניט לאַנגזאַם ראַטעווען איר קינד.
צי וואָלט מען מיט זיידענע הענטשקעס געקענט,
ראַטעווען די וועלט, ווען זי אין פֿייער־פֿלאַמען ברענט?
הלוואי וואָלט איך מיט מיינע ווערטער אייך טרייסטן געקענט,
ווו קען מען געמיטלעך זינגען, ווען אונדזער גרויסער
חלום ברענט?

ווען אַלץ איז געפּלאָסן

ווען אַלץ איז געפּלאָסן בנעימות און שטיל,
פּלוצים אַ קראַך פון אַ דונער, אַ לייבן־געבריל.
עס שאַרפן די מענטשן, ווי די כלבים די ציינער —
איבער אַ וויסטן בית־עולם פון צעריסענע ביינער.
עס פיבערן פינצטערע טעג אין ווילדן געשריי,
אַראָפּ די וועלט פונעם זינען און ציטערט אין ווי.
עס קרעכצט, קלאָגט אין שטילן פּיין,
עס ציטערט פון ווייטיק, רייסט קברים איין.
עס שווידערט די צייט, מיט שאַנד גהינומדיק טיף,
עס יאָמערט דער טרויער — אַן אונטערגייענדיקע שיף.

אין געפאַר און שרעק, פון מאָרד און צוואַנג,
פאַרלאָשן דער חלום, ווי פאַר אַ וועלט־אונטערגאַנג.
ווי מעג אומקומען אַלץ וואָס יונג און שיין,
צי מוז די שיינע וועלט ווי אַ שיף אונטערגיין?

פרעגסטו: פאַרוואָס די רציחות, פּיינען און לייד?
פון ערגעץ קיין ענטפער — אַרויסגעוואָרפענע רייד.
זאָל זשע אַ דונער די וועלט פון איר דרימל אויפוועקן,
און צעשמעטערן די פינצטערניש פון אַלע פיר עקן.

אַ גאַט

אַ גאַט! נעם פון זיי אַוועק די מאַכט,
דעם שווידערלעכן כוח אומגעצוימטן!
פאַרשטום דעם לשון פון בייזע דונערס,
פאַרלעש די בליצן פון די וואַלקנס.
פאַרטרייב די שאַטנס פון די בייזע נעסטן!

נעם פון זיי אַוועק די מאַכט.
צו שטופן דעם שקר אין מענטשלעכע העלדזער,
די פרישקייט פון מאָרגן־ליכט
צו פאַרוואַנדלען אין אַ מוראַדיקער נאַכט.
די שענסטע טרוימען זיי באַגראָבן,
זייערע רעאַליטעטן זענען גרויליקע.
זיי קענען מיט זייערע פרומע בליקן,
מיט די צניעותדיקע מאַסקעס
אַפילו דעם טייוול גוט אָפּנאַרן.
ווי אַ פּנים פון אַ גאַסן־פרוי קען פאַרפירן,
מיט שמינקע און פאַלשע רייד —
די עקלדיקסטע זינד מיט אַ שמייכל פאַרמאַסקירן.

אַ, איר בלינדע הערשערס,
אין געיעג נאָך מאָרד און זיג,
איר זוכט נאָר בלוט, איר לעכצט נאָך קריג!
איר פאַרברעכער, רוצחים און אידיאָטן —
איר האָט די וועלט באַקליידט,
מיט אַ מאָראַל פון האָטנטאָטן!

די וועלט — אַ טעאַטער

אַז לעבן איז אַ טעאַטער־שפּיל, מיר אַלע דאָס פילן,
עס דאַרפן די אַרטיסטן זייער ראָלע נאָר גוט שפּילן.
אָט אַן אַקטריסע געהאַנדלט האָט מיט חן,
אָפּגעשפּילט איר ראָלע, מען קען אָן איר זיך באַגיין.
מען האָט זי באַוואָרפן מיט אַפּלאָדיסמענטן בלומען,
גלייך דאָס גליק וואָלט צו איר אין שטוב אַריין געקומען.
עלעגאַנטע מענער פאַר איר דעם הוט געצויגן,
ניט געווען קיין סוף פון חניפה און פון לויבן.
מען האָט פון אַלע זייטן זי גערופן — קעצעלע דו זיסע!
אַוועקגעלאָפן יאָרן — אַ אָפּגעשפּילטע אַקטריסע.
געווען איז ער אין לעבן גאָר אַ וואַזשנער שפּילער,
היינט אַן אָפּגעלעבטער זקן — פונעם וואַסער נאָר שטילער.
די וועלט פון טעאַטער ווערט אַ מושב זקנים,
מען פאַרלאָזט די בינע — דער טויט פאַרגעסט ניט
אין קיינעם.
קומט דער מלאך המות אויף זיינע שוואַרצע פליגלען,
אין טעאַטער פונעם לעבן. מען קען זיך מער ניט שפּיגלען.
ביסט מער קיין דאָן זשואַן, אויך ניט קיין דאָן קיכאָט,
גייסט אַראָפּ פון דער סצענע אין האַרצן בלייבט אַ לאָך.
אַזוי פאַרגייט דאָס לעבן — אַן אָפּגעשפּילטע פּיעסע,
געווען אַ שיינע אַקטריסע היינט מער קיין פּרינצעסע.
אָפט איז לעבן אַ לייכטע קאָמעדיע — אַ מאַריאָנעטן־שפּיל,
אַ דראַמע, אַ קאָמעדיע פונעם הויכן סטיל.
יעדע דראַמע האָט איר טרויעריקן עפּילאָג —
אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנג — אַ סוף צו דעם שפּיל!
ווען עס רופט דער טויט — מוזטו גיך זיך איילן —
עס וויל דאָס טעאַטער מיט דיר ניט צו לאַנג זיך פאַרווײלן.

אַז לעבן איז טעאַטער איז לאַנג שוין באַוווּסט,
צו שפּאָטן פון דאָזיקן טעאַטער האָט שטאַרק מיר פאַרגלוסט.

כ׳בין פון שטורעם און געוויטער

אַ שרעק, פּיין און נשמה־ציטער —
כ׳בין פון שטורעם און געוויטער!
אומבאַמעכטיק, אומעטיק־דערדריקטער.
עס רייסט זיך פון מיין האַלדז־קעל
אַ וואָרט אַ דערשטיקטער.

די וואָס ווילן שפּאַנען צו אַ ליכטיקן מאָרגן
אויף זומפּיקע בלאָטיקע וועגן,
מיט שאַרפע באַגנעטן אויף בלוטיקע געיעגן.
עס שרעקן מיך זייערע שיינע הבטחות און
פאַרפּוצטע פּאַראָלן,
ווי פּסולת געפּאַקטע אין פּערפעקטע באַנדעראָלן.

עס האָט די מענטשן־חיה ציניש זיך צעלאַכט,
געוואָרן גלייך אַ טייוול, ווי באַקומען נאָר די מאַכט.
פאַרטעמטע און ביטרע מענטשן־מוחות,
פאַרהילן די וועלט אין רויך און שפּאָט,
מיט פאַראיפּושטע, פאַרקרעציקטע כוחות,
יעדן ליכטיקן חלום דערפירט צו באַנקראָט.
ס׳וועלן די קרבנות די בלוטיקע נעכט פאַרשעלטן,
אַלע פּיינען און ליידן, אויפן וואָגשאָל פון די וועלטן.

ווען מיר...

ווען מיר דערזען די גרויזאַמע טראַגעדיע פון מענטש
און דערמאָנען וויפל מירן געליבט, געחלומט, געשטרעבט,
ווען מיר דערגרייכן די הויכע עלטער און הויכן באַוווּסטזיין,
דאַן פאַרשטייען מיר, אַז מיר האָבן צו ווייניק געלעבט.

זוכן מיר אַ נייע האָפונג, אַ קלאַנג פון אַ נייער וועלט,
אונדזער הערצער זאָל דערהערן פון תחיית המתים די שטים,
און מירן אויפשטייגן אויף די העכסטע שפּיצן פון לעבן,
אַרויפּציען אויף אונדזערע נשמות דעם צלם־אלהים.

מירן אָנצינדן אַ ליידנשאַפטלעכע דורשט צום לעבן,
צו ליבע, צו פרייהייט, צו פרייד,
דאָס לעבן מיט אַ נייעם אינהאַלט באַקליידן,
וואָס זאָל וויסן פון מער פאַרגעניגן ווי לייד!

ווי אַ בלאָנקענדיקע זעגל־שיפל, געטריבן פון
קאַפּריזנעם ווינט,
מיר זוכן דעם קאָמפּאַס, וואָס זאָל אונדז ווייזן דעם וועג,
ניט צו זיין קיין שפּענדל אויף די כוואַליעס פון לעבן,
נאָר אַ קאַפּיטאַן, וואָס פירט די שיף צו גליקליכע טעג.

דאַרפן מיר שאַפן אַ ברייטע פאַראייניקונג צווישן מענטשן,
שענקען זיי צוטרוי צו זיך אַליין.
נאָר די מיט גליענדיקע ליידנשאַפטלעכע הערצער,
קענען צו די העכסטע שפּיצן פון לעבן דערגיין.

די געשיכטע

די געשיכטע שפּרייט אויס אירע פליגלען,
איבער צי נעכטנס פאַרשטאָרבענע צייט.
מיט פאַרלאָשענע אויגן און טויבע אויערן.
ווי די אַלטע, דורותדיקע ווענט און מויערן,
צו וואַרפן צעפּוילטע חלומות,
אין איר אַרכיוו־מיסטקאַסן אַריין.

די געשיכטע באַזונגען פון סענטימענטאַלע פּאָעטן,
אין טונקעלנע קנייפּיעס, זינדיקע קאַבאַרעטן.
ווי אַלטע פרייליננס טוליען זיך צום פלעשל,
מיט אויסגעוווייקטע פּנימער און גרויע צעפּ.
די געשיכטע ווערט געמאַכט פון געשווירענע לומפּן,
פון צעלינדער־דיפּלאָמאַטן אין פּאַרטייאישע זומפּן.
אין מלוכישע שטאַלן, קלויסטערס און שאַנד־הייזער,
דאָרט זוכט זי אַ גואל, זוכט אַ דערלייזער.

די געשיכטע געשריבן פון מלחמות און שלום,
אין בלוט צו דערטרונקען דעם מענטשלעכן חלום.
זי ווערט געשריבן פון פאַלשע פּראָפעטן,
עס באַזינגען דעם שקר געקויפטע פּאָעטן:
„ווי גוט איז צו זיין אַ זעלנער,
און שטאַרבן ווי אַ העלד אין שלאַכט!"
צו פאַרגעסן ווייב און קינדער,
געטריבן צו שטאַרבן פאַר אַ גלויבן אַ בלינדער,
די וועלט זאָל פון שלום ניט שימלען,
ניט זשאַווערן זאָלן האַרמאַטן און טאַנקען.
עס זאָלן פּראַווען זייער בלוטיקע אָרגיעס —
די געווער־פאַבריקאַנטן.

אויף דיזנגוף־גאַס

אַ זומער־נאַכט אויף דיזנגוף־גאַס,
אַ גראַציע וויגט זיך קאָקעטיש אויף אַ הויכן אָפּצאַס.
נעבן איר אַן עלעגאַנט־געקליידעטער דאָן זשואַן,
טרעט ניט אָפּ פון איר קיין שפּאַן.
אין אַ קאַפעע, צוויי אַלטע בחורים ביי גלעזלעך טיי,
יעדן פון זיי חלומט די מלכּה פון טערקיי.
ביי אַ טישל וואַרפט אַ יונגער בחור הייסע בליקן,
פלירטעוועט מיט אַלטע ווייבער — פון געלעכטער
זיך צו שטיקן
איינזאַם שפּאַנט אַ פּאַעטל מיט אַ קאַפּעלוש אַ ווייכן,
פאַריסן די נאָז — ניטאָ צו אים קיין גלייכן.
אַ בחור וואַרט, נאָר זי צו דער ראַנדקע ניט געטראַכט
צו קומען.
איז אים געבליבן אין האַנט בלויז דער בוקעט בלומען.
ראַשט דאָ אַ יוגנט מיט חוצפּה און עראַגאַנץ —
אַ פּוסטער דור, אַ פאַלשער גלאַנץ.
נאָר פאַרלעך פאַרליבטע איןליידנשאַפטלעכע פלאַמען,
טרינקען קאַווע מיט ליבע צוזאַמען.
שפּאַצירן מיידלעך, ווי שוימיקער שאַמפּאַן,
ווי רייפע עפּל, ווי דער זיסטער וויין.
קינדער שטיפן, ווי חלומות פרייע,
אויסגעפּיעשטעטע פון יידישע מאַמעס געטרייע.
לויכטן אויגן — פלאַמיקע שטערן,
אַנדערע פאַרצוקטע, פאַרלאָשענע לאַמטערן.
אָט שפּאַנט אַ ווענוס, גאָר ניט קיין סטאַטוע,
אַ וואַרעמע ווייבלעכקייט, ווי באַלזאַם אַ רפואה.
אַן אַנדערע, אַ ספינקס מיט ווייבלעכע קאַפּריזן,
ווי געבוירן ווען דאָס לעבן צו פאַרזיסן.
אין פריילעכן רעש, געלעכטער און שטיפן,

בעטן זיך קושן, מיידלשע ליפּן.
שפּאַצירן מענער מיט פרויען פּיין און געלאַסן,
צונויפגעקלעבטע פּאַרלעך, פּאַר חוזק און שפּאַסן.
ער שפּראַצט מיט וויסן — אַ גייסטיקער פאַנטאַן.
זי אַ מויל — אַ ווערטער־שפּייענדיקער ווולקאַן,
ווי צוויי ניט־געלונגענע גראַמען,
פאַרמשפּט פון גורל צו נודיען זיך צוזאַמען.
מיט פלאַמיקע חלומות וואָס הערצער צעגליען,
אַ יוגנט, ווי רויזן זיך פריי צעבליען.
שמעקט די גאַס מיט חלום און פאַרפומען,
שפּאַנען פאַרליבטע פּאַרלעך פעסט אַרומגענומען.
שפּאַנט אַ שיכרער מאַטראָז מיט אַ פרעכע מויד,
זי פירט אים צו זינד, צו פאַרדינען אויף ברויט.
טראָגט זיך איבער דער גאַס אַ הילכיק געלעכטער,
אַ פאַרביקע שפּיל פון פרייל׳עכע טעכטער.
ביז שפּעט אין דער נאַכט בלאַנקעט אַרום אַ טרוימער,
פון אַ ליכטיקן חלום געבליבן, דער שומר.
עס טראָגט זיך דורך אַ שמייכל, וואָס קען אַ שטורעם אָנצינדן,
מיט אַמאָרס פיילן קען הערצער פאַרווונדן.
עס גייט דורך אַ גראַציע אין אַ מיני־קלייד,
מיט הייסע אויגן ווערט איר גאַנג באַגלייט,
פון מענער, וואָס רעדן פּאָליטיק און טרינקען טיי,
זי גייט דורך מיט שטאָלץ און קוקט גאָר ניט אויף זיי.
גייט אַן אַלטע פרוי מיט אַ הינטל, עלנט און איינזאַם,
ווי דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אַ לעבנס־ראָמאַן.
שפּאַנען הייסע נשמות, נעבן דור פון פּוסט און פּאַס,
אין אַ זומער־נאַכט אויף דער דיזנגוף־גאַס.

ראָבעספּיער

יעדע מאַכט — אַ גאַסן־פּרוי, וואָס מען קען זי קויפן,
אויך יעדן הערשער אויף זיין אייגענעם אופן.
אויף די פּלייצעס פון פאָלק צו מאַכט קלעטערן, ווי אויף טרעפּ,
און ניט זעלטן פאַרלירן אויך די הערשער זייערע קעפּ.
דאַנטאָן איז געגאַנגען צום טויט — אַן איידל־סאָלידער.
געזען אין יעדער מענטש אַן אייגענעם ברודער.
האָבן די אויגן פון פאָלק אים באַגלייט מיט טרערן,
פראַנקרייכס איידעלער זון, וואָס מיט אַ קאָפּ וועט קלענער ווערן.

אַנדערש האָט מען ראָבעספּיערן צו דער גילאָטינע באַגלייט,
דאָס פאָלק האָט געיובלט מיט נקמה און פרייד.
איין זאַך האָט בלויז געמאַטערט דעם מאָראַליסט דעם פרומאַקן
ווייל צו ווייניק קעפּ באַוויזן אָפּצוהאַקן.
געוועז ראָבעספּיער אַ גאָט־געבענטשטער פירער,
פון טויט און מענטשלעכע קעפּ אַ קאַסירער.
געוועזן פון כעס און צאָרן אַ סאַנקולאָט,
אַ רעוואָלוציאָנערער תליון, אַ געבוירענער דעספּאָט,
צום גאָט פון שכל אַ פרומער־אַטעיסט,
צו האַקן קעפּ און בלוט פאַרגיסט,
זיין גאָט אַן אַ הארץ, נאַר פון שכל און תבונה,
זיין געליבטע — די הייליקע גילאָטינע.
באַגליקן דאָס פאָלק — דער העכסטער אידעאַל,
פון דאַזיקן הענקער, פון טוגנט און מאָראַל.
געוועזן איז ער אַ גרויסער צדיק!
קיינמאָל קיין כאַבאַר ניט גענומען, מיט קיין ווייב
ניט געשלאָפן,
פאַרן קלענסטן זינד באַצאָלט מיט די העכסטע שטראָפן.
אָבער אויך ער האָט פאַרלוירן זיין קאָפּ דעם שיינעם,
פראַנקרייך געבליבן אין די הענט פון נייע תליינים.

צו דער טראַגישער עקידה

דו מענטש, אומפאַרגעבלעכער בעל חלומות און בעל גאווה.
דו שוואַכזיניקער נאַר און גרויסער בעל־תאווה.
איר פיזיש שוואַכע ברואים מיט שאַרפע קעפּ פון גאונים,
פון העסלעכער געפאַלנקייט, פון פּאַעטישע עולמות העליונים.
וויפל דאַרפט איר נאָך בראַנדיקע קלעפּ באַקומען,
מיט וויפל איבלדיקע ריחות פון בלוט אָנזאַפּן,
די באָדנלאָזע איבערגלויבנס, וואַנזיניקע זאַבאַבאָנעס,
ארויסשלאָגן דעם פוסטן קוואַטש, דעם גייסט פון קנעכט,
וועגן אייער כלומרשט אויסגעקעמפטע מענטשן־רעכט,
און גוטוויליק צו שפּאַנען צו אייער טראַגישער עקידה?

אייער מענטשן־רעכט שוין לאַנג אויף שטיקער איז צעריסן,
פון, אין קולטורעל־געבלימטע קראַוואַטן, מערדער אָן געוויסן,
וואָס מאָרדן, אָן אַ זין, איינער דעם צווייטן.
פאַר וועלכע פאַרחושכטע צילן ווילסטו אַלס העלד שטאַרבן,
פאַרלירן הענט און פיס און בלינד ווערן אויף אויגן?
צי זעט איר ניט דאָס בייזע פאַרפוצט אין שיינע פאַרבן?
מיט וואָס וועסטו זיך ריינוואַשן פאַר פאַרגאָסן בלוט,
פאַר דיין אומבאַגרינדעטע מענטשן־שינאה?

איר אָפּגענאַרטע קרבנות פאַר שייטערהויפנס,
אַ לעבערלעכע שפּילצייג אין די הענט צו ווערן,
אומצוקומען פון ראַפינירטע טויט־געווערן,
צו זעטיקן די הערשערס אומזעטיקע מאַכט־באַגערן!

דאָס וואָרט

ס׳ווינט דאָס וואָרט אין הייליקע געצעלטן,
באַקרוינט מיט הונדערט און זיבעציק עטרות,
דאָרט ווי אַכציק פאַרבאָרגענע וועלטן, —
ווי עס שיינט דאָס ליכט פון דער חכמה עליונה.

טויזנט מאָל האָט זיך משנה געווען די וועלט,
נאָר די בענקשאַפט האָט אייביק געבלוטיקט צום לעבן.
מיטן כוח פון וואָרט — אַ וועלט איז געבוירן,
פון די פייער־שטראַלן, פון אַ ליכטיקן שטרעבן.

ווערטער שוימיקע לאַוועס, אַ הייסער וואַסערפאַל,
פון חדווה און שאַרפזין, אַ געזאַנג פון יעדן סאָרט,
פליסט פון האַרץ, ווי אַ ברויזיקער קוואַל, —
ווי הימלען צעגליטע — דער סוד פונעם וואָרט.

פאַראַן ווערטער געדאַנקען צו פעלשן, מאַסקירן,
צו זינדיקע חטאים דעם מענטש צו פאַרפירן.
רשעים און שווינדלער אויך מיטן וואָרט זיך באַנוצן.
נאָר אין נביאישע מיילער, ווי פייער זיי בליצן.

נאָר אַ וואָרט, וואָס איז האַרציק, ווי אַ שטיל געבעט,
וואָס לויכט ווי אַ דמיון — אַ געזאַנג פון פאָעט,
פון וואַרעמע קוואַלן, ווי באַלזאַם, וואָס היילט,
פון ליבע און בענקשאַפט די סודות דערציילט.

זוך איך דאָס פייער, וואָס טיף איז באַהאַלטן,
אונטערן זיידענעם פאָרהאַנג, ווו ווערטער בליען,
וואָס קענען, ווי דונערס, הימלען צעשפּאַלטן, —
אַ לויב צו דעם וואָרט, וואָס הערצער צעגליען!

כ׳וויל ניט

כ׳וויל ניט שטיין ביי אייערע ערגאַנטישע שוועלן,
אַ ציטערנדיקע האַנט אייך אויסשטרעקן.
אַפילו די גאולה ביי אייך ניט אויסבעטלען,
נאָר מיט שטאָלץ די ערד מיט ליכט באַגיסן.
ניט מיט ראַקעטן־באָמבעס, נאָר מיט ליכטיקע חלומות, —
מיט אַ גרויסן געזאַנג כ׳וויל די וועלט פאַרזיסן!
ניט מיט חושך, — מיט פרייד כ׳וויל אנצינדן די נאַכט,
דעם טייוול פאַרטרייבן, צונעמען ביי אים די מאַכט.

איר צופרידענע מינוס־מענטשן — קאַלטע אויטאָמאַטן,
אירט יעדן חלום אָפּגעטויט, דאָס לעבן פאַרוואַנדלט אין
אַ קללה.
ברואים פון דער מאָדערנער צייט — גולם־אַפּאַראַטן —
ווער וועט אייך באַפרייען פון שטן־המשחיתס ממשלה?

דאַרפט איר אַ נייעם שטייגער אין לעבן געפינען
און גאָר אַנדערש זיך קענען אויפירן,
דער טייוול אַליין זאָל דאָס גליק אייך ניט פאַרגינען,
איר מוזט דעריבער פון בייזן רשעות זיך אויסקורירן.
מעגליך, דאָרט ווי אַ גאָט מוז אַ טייוול אויך עקזיסטירן.
לאָזט אייך אָבער פון אים פאַר דער נאָז ניט אַרומפירן.

ביסט דאָך מענטש דאָס קינד פון דער וועלט,
דיין האַרץ אַנטציקט פון טויזנטער שיינקייטן,
וואַרף זיך אַריין אין קאַכיקן ים פון לעבן!
און געניסט פון דעם פאַרבאָרגענעם פרוכט — די פרייהייט!

די געטין פון פרייהייט

דו ביסט דער סוד פון אייביקער יוגנט.
דער צאַפּל און שפּראָץ פון לעבן.
דער שונא פון פאַרשאָלטענעם טויט!
ביסט דער חלום פון אונטערגעדריקטע.
אונטער דיינע פליגלען די ליבע בליט.
דו מאַכסט חרוב, וואָס פרעסט די מענטשן,
די מאַכט פון פאַלשקייט און באַטרוג!
אַלץ וואָס פאַרסמט די פרייד פון לעבן —
דו, געטין פון פרייהייט און פון ליכט!

שוועבסט אַרום — אַ גאָלדענער פרימאָרגן.
אַ שטורעם־פויגל אין ים פון פרייד.
כעסט זיך דער דונער, וויל ער ווייסט,
אַז אים באַזיגן וועט דיין גייסט.

דו וועקסט די בערג פון טיפן שלאָף,
אויף אַ גאַנדאָלע וויגט זיך אַ טרוים.
אויף די פליגלען פון האָפונג ביסט געקומען,
אויף דיין קאָפּ אַ קראַנץ פון רויזן — בלומען,
פון ליבע און געזאַנג — אַ פרייהייט־פּאַראַד.

ליידער אין שטורעם און חורבן, ביסט טויט מיין געטין.
עס בלאָנקט אַ שווערד מיט פלאַם און בליצן,
אין קברים ליגט דער העלער מאָרגן,
דעם פאַקל פון פרייהייט ווער וועט באַשיצן?

זיידעס שפּאָרן

מיר אַלטע זיידעס האַלטן אין איין שפּאָרן,
ווי זאָלן מיר אָפּראַטעווען די פאַרלוירענע יאָרן ?
מיר זענען אַלט, אַלט אונדזערע ווייבער,
אַ קאָרגע צייט געבליבן אונדז נאָר ליידער.
ווילן מיר שענקען אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן,
פאַר די אייניקלעך, וואָס זענען אונדז געבוירן.
איבערלאָזן אַ ירושה אַ שלעכטע וועלט ניט מיר טאָרן,
די קרישקעס פון חלומות. מיר מוזן פאַר זיי שפּאָרן.
דערציילן פאַר זיי לעגענדעס, אַלטע זיידעס אָן ציין,
אַז געווען דאָס לעבן אַמאָל גליקלעך און שיין.
ליידער איז דער זכרון שוין אַלט און פאַרדאַרט,
און פאַרגעסן, אַז אויך דער נעכטן טיף האָט אָפּגענאַרט.
אויף וואָס אייגענטלעך מירן פאַרטוישט אונדזערע טאַלאַנטן ?
מיט חלומות געהאַנדלט, ווי מיט פאַלשע בריליאַנטן.
אויך דער היינט, פון אומיושר, געמיינקייט און פאַרברעכן,
מירן ניט געהאַט דעם מוט די אַלטע וועלט צו צעברעכן.
מיר האָבן ניט באַוויזן זי איבער צו פאַרבן,
זעט אויס, אַז צוזאַמען מיטן פאַלשן חלום וועלן מיר אויך
אָפּשטאַרבן.
וואָס וואָלטן דען די אייניקלעך מיט אונדזער ירושה מאַכן ?
זיי וועלן פון אונדזער חלום ציניש זיך אויסלאַכן.
אונדזער ירושה משטיינסגעזאָגט — אַ פאַרדאַרבענע
ציוויליזאַציע,
פון מאָרד־מכשירים און מלחמה־פּראָוואָקאַציע.
נאָר דעם רשעות וועלן זיי פון דאָסניי סטאַביליזירן,
און די וועלט פאַר דער נאָז צום גהינום ווייטער פירן.
אַ וועלט פאַרשלאָפן איר האָט — אַלטע זיידעס !
קריצט דאָס בוילעט אויס אויף אייערע מצבות.

אומעטום די זעלבע מענטשן

אומעטום די זעלבע מענטשן,
נאָר מיט אַנדערע באַגערן און פאַרלאַנגען,
אין דעם ים פון דורכפאַלן און אַנטוישן,
יעדער מיט זיינע אייגענע געזאַנגען.

ס'האָבן אויך נאָרמאַלע מענטשן,
זיינע אומנאָרמאַלע, זומפּיקע חלומות,
פאַרבאָרגענע אין די נשמה־קאַטאַקומבן,
אין די אַרטעריעס, באַהאַלטענע מקומות.

אָפט בלאָנקעט אַ חלום אין אַ ווילד געדוכטן וואַלד,
ווי זינדיקע צעלאָזענע נימפעס פריילעך זיך אַמוזירן,
אַפילו אַן אַלטער סאַטיר וואָלט פון אַזאַ יונגע נימפע
צווישן הויכע גראָזן געלאָזט זיך פאַרפירן.

אַפילו די סאָלידסטע מענטשן זוכן אין חטא דאָס גליק,
דער סם פון זינד אויף זיי פון אַלע זייטן לויערן.
דאָס איז דאָך די שטראָף און נקמה —
ווייל פון חטא מענטש ביסטו געבוירן!

אָ, באַזיגטער מענטש, פון האָפענונגען — אַ פאַרשוועכטער!
בוקסט זיך פאַרן שטענדער, פון פוסטע רייד פאַרדאָרבן,
דיינע פאַרלאַנגען — אַ טרויעריקער געלעכטער.
ברואים געבוירענע צו חלומען און צו שטאַרבן!

דאָס לעבן

דאָס לעבן פון טרערן אין חלום,
באַגלייט מיטן אַ ביטער געפיל.
צי אַלץ אפשר בלויז הבל הבלים,
אַן אָפּגעשפּילטע, פאַרשפּילטע שפּיל?

עס וואָגלט איבער רעטענישן דער מענטש,
אָן אַ ציל, אָן אַ זין, אָן זכרון.
די ערד ער שעלט און בענטשט, —
זיינע גאַליק־צעבליטע, פאַרלוירענע יאָרן.

עס וויינען די ווענט פון די גאַסן,
און רופן צום גאָט פון נקמות.
פאַרשיכורטע, ווילדע מאַסן,
רעשעדיקע, ווערמדיקע נשמות.

דער מענטש טראָגט זיך מיט אַ פאַלשן שמייכל,
מיט אַ מאַסקע אויפן געזיכט,
ווייל ער האָט מיט זיין נאַרישן שׂכל,
דעם טעם פון עץ הדעת פאַרזוכט.

מיטן וווּנדער פון זיין הויכן וויסן,
ער טאַפּט אין דער פינצטער פון נאַכט,
ער קען ניט מיט קיין זאַך פאַרזיסן, —
די וועלט וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט.

ער קען דעם טייוול גאָר ניט פאַרגינען,
זיין ווילדע און פינצטערע מאַכט.
בויט ער זיין וועלט אויף רואינען —
די טויערן צום גליק ער פאַרמאַכט...

איך גלויב

איך גלויב אַז אונדזערע הערצער און נשמות,
וואָס זענען געשטאָרבן, צוריק וועלן דערוואַכן,
זיי וועלן תחיית המתים ווידער אויפשטיין.
די פינצטערע קברים זיך וועלן אויפמאַכן.
אונדזערע נשמות ניט זיין מער קיין שלאַכטפעלד,
ווי עס ווערן דערמאָרדעט אידעאַלן און שטערבן —
זיי וועלן ווידער אויפשטיין צו אַ גליקלעכן לעבן.

מירן פאַרלאָזן די הייזער פון טרויעריקן וואָר
און שטייגן הויך אויפן באַרג פון גלויבן.
מירן באַזיגן די פינצטערניש פון טויט,
צו דער ליכט פון דער זון זיך דערהויבן.

מירן לאָזן זיך שווימען אויפן ים פון דעם מאָרגן,
מיר מאַטראָזן פון אַ נייעם לעבן,
מירן פאַראַנקערן אונדזער שיף אינעם לאַנד פון
דער פרייהייט,
דאָרט זיך אָנטרינקען מיט האָפונג און שטרעבן.

דעם טויט וועלן מיר שטעלן פאַרן וועלט־טריבונאַל,
און משפּטן די קללה פון דער פאַרשאָלטענער פּאָליטיק,
מירן אַנולירן אַלע נאַרישע טיטלען און פּריווילעגיעס —
אינעם בוכאַלטעריע־בוך פונעם לעבן עפענען אַ נייע רובריק.
מיר די פאַרלעשער פונעם חושך פון נאַכט, —
די אָנצינדער פון נייע טעג, פון ליכטיקן פּראַכט!

פאַראַן חלומות

פאַראַן חלומות, וואָס שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.
גייען, אויס, ווי אַ ליכטל, ווען ס'פאַרלעשט זיך די קנויט.
אויך ליכטיקע חלומות, גייען אונטער און פאַרשווינדן,
ווייל ניט געקענט די וועלט מיט אַ יושר־ליכט אָנצינדן.

פאַראַן אויך חלומות, געשאָכטענע פון מערדער־שווערד,
אומשולדיקע, פאַראַטענע, פון שינאה צעשטערט.
חלומות אַזוי, ווי מענטשן באַגייען אויך זעלבסטמאָרד,
זינגען אויס מיט צער, זייער לעצטן אַקאָרד.

פאַראַן אויך חלומות פון גאָר אַן אַנדער סאָרט,
פאַרברענען אין שווינדל — אַ נאַציאָנאַלער ספּאָרט.
דער חלום פונעם טייוול, וואָס די וועלט פאַרשוועכט,
צו די ווילדסטע רשעות דעם מענטש האָט פאַרקנעכט.

פאַרברענט איז דער חלום פון יושר און גליק,
אויף דעם וועג צו פרייהייט — צעבראָכן די בריק.
ווער און ווען קומען וועט מיט אַ ליכטיק געזאַנג,
מיט אַ נייעם גרויסן חלום, מיט אַ העל־דרייסטן געדאַנק?

ס'איז איבער חלומות אַ שוואַרצע נאַכט פאַרשפּרייט
צווישן טיפע נעפּלען קברים דאָרט גרייט.
ס'איז מיט פראָסט דער גייסט, פאַרגליווערט אין פאַרשנייט,
צי ווייסט איר ווו איז דאָס לאַנד פון פרייד?

ניט געטראָגן דעם שקר

ניט געטראָגן דעם שקר קיין חניפה־געזאַנגען,
געשפּאַנט האָט אַ חלום פון צויבער געפאַנגען,
ניט מיט רויזן געפלאַסטערט זיין וועג,
אויף סכנותדיקע באַרג־שפּיצן געקלעטערט,
מיט פאַרבלוטיקטע פיס אַלץ העכער געגאַנגען,
מיט אייגענע הענט דאָס גליק צו דערלאַנגען.
דורך דערנער־וועגן כסדר געשפּאַנען —
אַ העלד פון היינטצייטיקע ראָמאַנען.

רעוואָלטירט קעגן גרויזאַמען וואָר,
ניט צו ווערן קיין זון פון פאַרלוירענעם דור.
ניט געוואָלט מיט שקר זיין חלום פאַרדאַרבן —
געטונקען זיין פענדזעל אין בונטאַרישע פאַרבן.
געווען איז דער חלום, שיכור פון לעבן.
פון ליבשאַפט און טרוימען און ליכטיקן שטרעבן.
אַזוי איז געוואַקסן, געבליט אַ לעגענדע —
ווער צום חלום געמאַכט האָט אַן ענדע?

געקומען אַ שוחט מיט אַ מעסער אַ קאַלטן,
געשאָכטן דעם חלום פון ליבע צעשטראַלטן.
געקומען מערדער, מיט שינאה געבליצט —
„ווען יודן־בלוט פון מעסער שפּריצט".

ליגט אַ זעלנער

אַט ליגט אַ זעלנער מיט אַן אָפּן מויל און פאַרמאַכטע אויגן,
אויפן גרינעם גראָז, אונטער הימל אויסגעצויגן.
מיט אַ טויטן שמייכל, צוויי וווּנדן אין דער זייט,
ווער האָט דעם יונגן זעלנער פון לעבן באַפרייט?
נאָר וואַרעם זיין בלוט, די ביקס ליגט דערנעבן,
ווער ווייס פאַרוואָס — געפּאַטערט האָסט דיין לעבן?
וואָלסט דאָך מיט דיין בלוט געקענט דאָס ברויט אָפּוואַשן,
פון דיינע באַפעלערס, מיט פייער און אַשן.
זיי קומען גאָר ניט בעטן ביי דיין טויט מחילה,
זיי האָבן דיך געפּאַשעט מיט אַ שקר־אכילה.
אַ שווערן עול געלייגט אויף דיין יונגן געוויסן,
באַפוילן דיך צו מאָרדן און שיסן,
אומשולדיק — מענטשלעך־בלוט פאַרגיסן.
אַ, טויטער העלד, פון בלוטיקע מלחמות,
זיי האָבן דיך פאַרשיקט אויפן עולם האמת.

דו געטרייע ערד, שענק אים אַ וואַרעם געלעגער,
טראָג אים צו דעם פיינעם ריח פון בלומען!
וויג איין אין דיינע אָרעמס, אַ זעלנער אָן אַ נאָמען!
אַ, געטרייע ערד, דאָס געוויסן גיך פאַרדעק! —
באַגראָב אַ יונגן פרילינג — ווי אַ חלום איז אַוועק.

קאַלטע ווערטער

ווער קען מיט קאַלטע ווערטער הייסע געפילן אויסשרייען,
מיט געפרווירענע הערצער די וועלט פון פּיין אויסהיילן ?
ווער וועט דעם הונגער נאָך גליק ניט דערשטיקן,
ליכטיקע חלומות ניט אויף שטיקער צעפּליקן ?

אין רווישיקן צאַפּל פון פּראַסטיקע פרימאָרגנס,
אַ שוואַרצער געשפּענסט פאַר מיינע אויגן.
אַ צאָרן־געשריי פון פאַרוווּנדעטע אָדלערס,
מיט אונטערגעהאַקטע פליגל אין פאַרבלוטיקטע נעסטן.
אַ וועלט פון קאַלטע נשמות, פון תליינים און הענקערס,
וואָס יעדע האָפונג אויף שטיקער צעריסן,
יעדן חלום אין קאַלטע וואַסערן דערטרינקען.
צעפלאַקערט שינאה, טעראָר און מלחמות,
פאַרגאָסן בלוט איר, גייציקע נאָך נקמות,
איר אימפּעראַטאָרן פון רעפּובליקן און דעמאָקראַטיע,
מיר האָבן אייך גענוג !
מיר ווילן ניט פאַרברענט ווערן אין אייערע פלאַמען !
ניט זינקען אין אייערע אָפּגרונטן !

שטומע גאַסן, קאַלטע הייזער, קאַלטע שטערנס,
אַ וועלט אַ פאַרשקלאַפטע צו בייזע געטער.
שינאה רינט זיי, ווי שוים פון די מיילער,
אַזאַ וועלט, געבאָדן אין בלוט און טרערן,
חרוב ונחרב מוז ווערן !

בלינדע הערשערס, מערדער, פאַרברעכער,
די פרייד פון לעבן איר האָט באַזיגט !
צום חלום פון גליק געמאַכט אַן ענדע,
דאָס לעבן אין אַ נאַכט פון חושך פאַרוויגט !
אין דער הויך, אין די פּאַלאַצן־נעסטן,
זיצט איר — רויב־פייגל !

אַ גרויסער שרייבער

אַ מענטש איז אויפגעשטאַנען מיט אַ גרויסן חלום,
אַז ער ביי יידן דער גרעסטער שרייבער געוואָרן.
ער האָט פאַרן חלום זיך גאָר ניט דערשראָקן,
און צעקלונגען די בשורה אויף אַלערליי גלאָקן.
געזעצט זיך ביים פּרעזידיום־טיש גאָר אויבן־אָן —
זאָל די וועלט וויסן, אַז ער איז אַ גאון!
מיט זיין פּעדער אַרויפגעדראַפּעט זיך גאַנץ הויך,
מיט געלט און כבוד פאַרזאָרגט זיך גוט אויך.
ווי דער גרעסטער שרייבער און גרעסטער זשורנאַליסט,
זיין פּעדער געוומען גיסן עמערס מיט מיסט.
מיט זיין אייגענעם סטיל און שאַרפן אופן,
פאַר געלט און כבוד גרייט די נשמה פאַרקויפן.
ניט קאַרג אָבער פאַר חניפה צו טאָן אויך אַ טובה,
און נעמען נקמה אַפילו פון טויטע.
אַ מייסטער אַריינצוזאָגן ביזן זיבעטן ריפּ,
שאַרפט ער זיין פּעדער מיט גאַל און מיט גיפט.
ניטאָ פאַר אים קיין שום זאַך אַ פאַרווערטע,
צו שרייבן היינט אַזוי און מאָרגן דאָס פאַרקערטע.
ער דערקלערט באַנקראָט אַלע שענסטע אידעאַלן,
אַלץ און אַלעמען קריטיקירן — אַ גרויסער בעלן.
ער זידלט די יוגנט, וואָס זוכט אַן אידעאַל אויף אַ רפואה,
אויך דעם אַלטן דור וואָס שענקט זיי אַ פייג, כי לו נאה.
ער אַליין נוויטיקט זיך ניט אין קיין גלויבן,
דער עיקר מען זאָל אים חנפענען און לויבן.
ווערט ער פון גדלות גאָר ניט מיד,
און פאַרעט זיך מיט גאווה אויפן ליטעראַרישן יריד.
אין זיין שרייבעכץ גרייזן? פאַר קיין שום פּרייז —
אָבער ער אַליין אַ גרויסער גרייז!

אַ רעוואָלוציאָנער פּאָרל

כ׳קען אַזאַ פּאָרל פון רייכע רעוואָלוציאָנערן,
וועגן זיך געלאָזט ברייט און אומעטום הערן.
געשווירענע מאַרקסיסטן, וואָס האַלטן הייליק דעם
„קאַפּיטאַל״,
און שווייצאַרישע בענק, אַ גאָלדענער אידעאַל.
מיט ראַדיקאַלע פראַזן גאָר ניט פויל.
דעם „קלאַסן־קאַמף״ ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל.
געיאָגט זיך נאָך רעוואָלוציע, ווי אַ קינד נאָך
אַ זומער־פייגל,
געהאַט פאַר זיי אַ ממשות, ווי דאָס לאָך פון אַ בייגל.
סטאַלין און בעריאַ — פאַר זיי אַ גרויסער נס,
די אמתע סימבאָלן פון יושר און פּראָגרעס.
און אַז אין סטאַלין געוואָרן אַנטוישט,
מיטן נאָמען מאָן־טסע־טונג געטומלט און געררוישט.
אַוודאי זענען מענטשן אַזעלכע פּאַראַנען,
וואָס דעם זין פון אייגענעם פאַרשטאַנד ניט פאַרשטאַנען,
די קאָמישקייט ניט מסוגל צו פילן,
ווי די פאַלשע קאָמעדיע אין לעבן זיי שפּילן.
אפשר ווייסט איר פאַרוואָס עס לאָקט אַזוי די
כמעט־מיליאָנערן,
אַזוי ניט־געלונגען צו שפּילן די ראָלע פון רעוואָלוציאָנערן?

דאָס מיידל פון אַמסטערדאַם

אַ סימפּאַניע פון ליבע און שיינקייט.
פון גוטסקייט, דאָס אַמסטערדאַמער מיידל.
אונטער שמייכלענדיקן הימל און פאַרחלומטע וואָלקנס,
עס שפּאַנט אַ מלאך אין אַ בלויען קליידל.
איר נשמה באַהויכט און באַפליגלט,
מיט פריינדשאַפט, ליבע און עקסטאַז,
אַט די דאָזיקע וווּנדערלעכע דערשיינונג
כ׳האָב געטראָפן אויף די אַמסטערדאַמער גאַסן,
וואָס ווייסט ניט פון שינאה צו פעלקער און ראַסן,
זי אַליין פון אַלעמען געליבט און באַזעלט,
מיט ליכטיקע אויגן זי קוקט אויף דער וועלט,
די שיינקייט פון דער נאַטור אין איר קוועלט.
זי דאָס קינד פון די בעסטע מענטשן,
די טאָכטער פון גוטן האָלענדישן פאָלק.
כ׳וויל פאַר איר גוטקייט און שיינקייט זי בענטשן,
דאָס שטאָלצע מיידל פון אַמסטערדאַם,
כ׳טרעף זי אין די שמאָלע געסלעך מיט קאַנאַלן,
אויף די געסלעך פון פּאָרט ביים ים,
זי איז פאַרליבט אין פּאָעזיע און ראָמאַנען,
איבערן טראַגישן גורל פון דעם העלד זי וויינט,
כ׳וואָלט אויסגעקושט אירע הייסע טרערן,
די מלאכישע ליפּן, מיט אַזויפיל ליבע באַשיינט.
דעם שמייכל וואָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן,
איר חלום צום אייביקן פרימאָרגן-שטראַל,
אויף די אַמסטערדאַמער גאַסן כ׳האָב געטראָפן.
אַזאַ וווּנדערלעך פרילינג-אידעאַל.
זאָלן אַלע זייגערס בלייבן שטיין,
אויב באַשערט איז דעם מיידל פון גליק צו געניסן.
זאָל זי אַזוי אייביק בלייבן יונג און שיין,
די גאַנצע וועלט מיט ליבע אין איר ברוסט איינשליסן.

דאָס האַרץ פון דער ערד

די נאַכט איז אָנגעפילט מיטן ריח פון פּאַרפומען,
אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס גרילצן פון גרילן.
דער אָפּשיין פון ביימער הענגט איבערן טייכל,
אַ חלום, ווי אַ שאָטן מיט די כוואַליעס זיך שפּילן.

אָ, געטין פון ליבע, אין די נעכט צו דיר מיר קומען!
דו האָסט די פינצטערניש אָנגעשיכורט מיט הימלישן וויין.
דו צינדסט אין אונדז פאַרגעניגן און ווייטיק, —
ביסט פון מיין ליד דער אייביקער עפריין.

זאָל דאָס האַרץ פון דער ערד צאַפּלען מיט פרייד,
דער גאָלדענער מאָרגן־נעפּל מיט תענוג זיך צעגיסן,
כ׳וויל אַריינפּאַסן די ליבע אין דעם שמאָלן רעמל פון מיין ליד.
ווי אַ פאַרליבטער טייך, אונטער הימלען פאַרבענקטע
זאָל פליסן.

ווען עס טינקט זיך דער טוי אינעם גאָלד פון באַגינען,
כ׳וואָלט די גאַנצע וועלט מיט ליבע אַרומגענומען צאַרט,
כ׳וויל געניסן פון אַלע פרייזן פון דער ליבע,
פון אַלע קושן, וואָס דאָס האַרץ צו זיי גאַרט.

כ׳ווייס אַז גיך וועלן אַוועק די פליגלדיקע טעג,
מיט די שענסטע מינוטן פון העכסטן גליק,
צו די גליענדיקע צונויפטרעפן מיט הייסע ליפּן, —
צום זיסן כוס פון דער ליבע, כ׳וועל תמיד בענקען צוריק.

גליקלעך איז דער

אַ פייער־וואָגן שוועבט איבער הימלען,
און רופט מיך — אָט בין איך גרייט!
איבער בלויע הימלען צו שוועבן,
אַהין ווו עס רופט מיך אַ שטימע פון ווייט.

דאָרט אין דער וועלט פון פלאַמען,
ווי יעדעס גרעזעלע אָטעמט און לעבט,
ווי מלאכים אויף יעקבס לייטער שטייגן,
דאָרט ווי דער שענסטער חלום זיך וועבט.

איבער נידריקע הייזלעך, טורעמס און דעכער,
איבער טייכן אין לענג און דער ברייט.
דאָרטן צו פלאַנצן אַן אמתן גן עדן,
מיט דיר צו פליען אַהין בין איך גרייט.

גליקלעך איז דער וואָס קען חלומען און האָפן,
זיך יאָגן נאָכן אייביקן מאָרגן־שטראַל.
פון אייביקן קוואַל פון ליבע צו טרינקען,
די זיסע געטראַנקען פון אַ פרילינג־אידעאַל.
כאָטש גאָט איז טויב צו די מענטשלעכע ליידן,
און מענטשן אָפט אין טייוולאָנים פאַרשטעלט.
דאָך איינזויגן כ׳וויל אַלע נויטן און פריידן,
פון דער אומגליקלעך־גליקלעכע וועלט.
דאָס מענטשליכע וואָרט איז אָפט שטאַרקער פון דונער,
אַ געדאַנק אָפט שאַרפער פון אַ בליץ,
פון די הימלען כ׳פּאָדער די שענסטע שטערן,
פון לעבן דעם זיסן גענוס.

כאָטש שוין צו אַלט זיך אין ליבע צו שפּילן,
אונדזער לעבן דויערט דאָך ניט צו לאַנג,
אָבער נאָך צו יונג כ׳זאָל דעם חשיק ניט פילן,
צו זיין אַן אַקאָרד פון אייביקן געזאַנג.

ווען די זון פאַרגייט אין בלוט

ווען די זון פאַרגייט אין בלוט,
ווו איז דער מענטש פון רעוואָלט און פון מוט?
די נביאים מיטן צעברויזטן וואָרט קעגן יעדן בייז,
וואָס מיט פייער — צעשטורעמט דעם מענטשלעכן גייסט?
ווער וועט, אויף אַ הויכן באַרג צערייסן פון אומיושר
די לוחות,
פון די נידערטרעכטיקסטע סיסטעמען, פון מאָרד די מלוכות?
וואָס צום פיין פונעם מענטש זענען בלינד און טויב,
צערייסן די נשמות, דאָס מענטשלעכע לעבן אויף שטויב.
צו האָבן דען די היינטיקע פיליסטערס אַן אַנדערן טרייסט,
ווי אויסלאַכן יעדער אידעע, וואָס פריש איז און דרייסט?
אין אייער וועלט איז מען קיינמאָל ניט זיכער, ניט פריי,
איר הערשט דורך דעקרעטן, מיט צוואַנג און פּאָליציי.

וואיז די הײדאַנישע פרייד, פון ליבע און געלעבטער?
האָסט געבויט זיך אַן טרויעריקע וועלט, אַן אומגערעכטער.
געניאַלער, גליקלעכער אין דיין נאַרישער עקזיסטענץ,
דאָס אומגליקלעכסטע באַשעפעניש ביסטו מענטש
ווי זענען דיינע גרויסע און פּרעכטיקע שטרעבן,
די ליבע, — דאָס גרויסע ליכט, וואָס באַלייכט דאָס לעבן?

מיר ווערן

מיר ווערן געבוירן און מיר פֿאַרשווינדן,
מיט פלאַמען פון גלויבן, אונדזער גייסט אָנגעצונדן.
דער מענטש וואָס חלומט ווערט פון עפּעס געצווונגען,
פון אַ צויבער־וועלט פריידיק צעזונגען.
דער חלום זוכט צו דער אייביקייט די שלעסער,
ווערט דאָס געזאַנג אַלץ שטאַרקער און גרעסער.
צעבלאָזט זיך אין אַ מאַי־טאָג דער ווינט — אַ שטיפער,
דאָס האַרץ פון פרייד גיט אַזש אַ ציטער.
אָבער פון וואַנען קומט אַהער די פרייד ?
מען זאָגט אַז געברענגט האָבן דאָס פרעמדע לייט,
פון ערגעץ פון „טויזנט און איין נאַכט"
פון שעכערעזאַדאַס לאַנד דאָ אַהערגעבראַכט.
נאָר איך האָב שוין אויפגעהערט צו פרעגן,
אויפגעהערט אויך צו מעסטן און צו וועגן,
כ'בין אַרויס אויף די גאַסן זיך פרייען,
פאַרטרייבן די צערן, פּיינען און ווייען.
אַנטלאָפן פון דער־וועלט און יענער,
פון פאַרדאַגהטע ווייבער און אַלטע מענער.

אָבער ער דער האַר איבער אַלע וועלטן,
דער צינדער פון היצן, אָנטרייבער פון קעלטן,
האָט אויף בייזן הפקר אונדז געלאָזן,
האָבן מיר אויף גאַרניט מער וואָס צו האָפן,
ווייל ער, גאָט פון דער וועלט, איז אַנטלאָפן.
קענען ניט העלפן קיין חכמים, קיין פילאָזאָפן,
ס'קומט די בלינדע נאַכט — דער סוף פון אַלע סופן.

די גרויע מוזע

אין יאוש פון פאַרלאָשענע האָפונגען,
אין גרוילעכן חושך שפּאַנט אַרום־און־אַרום,
דער שוואַרצער אומעט, ווי אַ וואָלקן אַ גרויער —
אויף דער נשמה איז פינצטער און שטום.

מיט שאַרע פאַרלאָשענע אויגן קוקסטו,
אין דעם נעפּל פון חושך אַריין.
פּלוצים שווימט אַרויס פאַר מיינע אויגן —
כ׳זע אַן עלנטע זקנה דאָרט שטיין.

אַ טרויעריק געשטאַלט אין שוואַרצן באַקליידט,
אַ פאַרגליווערטער שמייכל, גרוי אירע האָר.
ווי פון אַן עכאָ שרייט אַרויס פון איר מויל: —
„כ׳בין די גרויע מוזע פון פאַרחושכטן וואָר!”

אַ, טרויעריקע מוזע, ווען עס פלאַקערט אַ שריפה,
אַזוי שטום און קאַלט צו בלייבן קענען?
צו זעסטו דען ניט מוזע, ווי די פייער־צינדער,
דעם חלום פון דער וועלט פאַרברענען?
כ׳שרייב מיינע לידער ניט מיט פּיין און טרערן,
כ׳בין ניט קיין קברים־רייסער, ניט קיין באַקלאָגער,
אָבער ווען די וועלט אַרום זי ברענט —
כ׳ווער אַ שטורעם־גלאָק, אַ שריפה־אָנזאָגער!

נאָר דו, גרויע מוזע, קלאַמערסט זיך ביים לעצטן פונק
פון אמונה,
ווי אַ קאָמעדיאַנטקע זוכסטו פאַיאַצישע חיונה!

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב די שלווה פון דאָרפישע טענער,
די הייס־פּלאָמיקע קלאַנגען פון גרויס־שטאָטישן רעש,
כ׳באַגריס דעם פלאַטער פון צעברויזטע פענער,
פון הימלישע מלאכים דעם פליגל־רחש.

אויב ערגעץ איז אמתע שיינקייט פאַראַנען,
וואָס דאָס אויג פון דער נשמה דערזעט,
ווי דאָס גליק שפּראָצט, ווי בלויע פאָנטאַנען,
ווי דאָרט וואָלט דער גן־עדן געווען.

ס׳וועקן בערג זיך פון טיפן שלאָף,
אַ טרוים טראָגט זיך אויף אַ גילדענע גאָנדאָלע,
כ׳קען מיטן פראַכט זיך ניט אָנזעטן,
דאָרט ווו די שיינקייט פאַרשפּרייט איר ממשלה.

כ׳קען מיט שיינקייט זיך זאָט ניט אָנטרינקען,
ס׳דורשט גייציק מיין נשמה נאָך גליק.
אויף יעקב אָבינו׳ס לייטער מלאכים שוועבן, —
אַ וווּנדער־באַלעט, אַן אָפּערע־מוזיק.

כ׳הער פון אַלע עקן זינגען,
ווער ס׳איז ניט טויב דערהערן וועט.
פון פרייהייט־טענער אַ מעכטיק געזאַנג,
דאָס זינגט די נאַטור — דער גרעסטער פּאָעט!

זאָגט מיר, צי האָט איר אַמאָל ווען געהערט,
ווי געשפּילט האָט די נאַטור איר וווּנדער־קאָנצערט?

עס בלאָנדזשעט

עס בלאָנדזשעט דער מענטש איבער בלוטיקע ירידן,
ווי מען האַנדלט מיט פּוסטע ווערטער און ליגן,
מען קנעלט די געשיכטע, דער קרומער שפּיגל פון דער וועלט,
ווי מען וואָלט זי ביים סאַמאַראַדנעם טייוול באַשטעלט.
פרעגסט, ווער האָט אַזויפיל אומיושר אויף דער ערד פאַרזייט ?
הייב אויף דעם שלייער — דיך, מענטש, דאָס מען מיינט.
ווייל גאָט דעם מענטש באַשאַפן, ווי אַ ראַסע אַ ניט־ריינע,
פון גייסט און פון בלאָטע — אַ מלאך און אַ בהמה.
צי קען זיין נאָך אַ מער ערגאַנטישע מאַסע,
פון טיגערס און הינט אַ געמישטע ראַסע ?
מעגסטו דיין בענקען צו די הימלען אויסשרייען,
מעגסט רופן משיחן — קומען וועט קיין.
די וועלט וואָס געשאַפן געוואָרן פון וואָרט —
זי האַלט איבער מיליאָנען העלדזער, דאָס מעסער פון מאָרד.

כאָטש איך מוז דאַוונען מיט אייך אַלע אין איינעם,
גלייבן מוז איך אייך גאָרניט קיינעם.
די וואָס זאָגן אַז אַזוי און ניט־אַנדערש מוז עס זיין —
אַ פאַרטיקער תירוץ צו פאַררעדן די ציין.
די הערשער איבער דער וועלט מיט זייערע אַלע רעגימענטן,
צוזאַמען מיט די חשובסטע פלאַפלערס פון אַלע פאַרלאַמענטן,
מעגט איר אַ זשמעניע מיט גאָלד פאַר זייערע טירן אויסשיטן,
וועט איר די דאָזיקע לייט אַלץ ניט פאַרגיטן.
ווייל וואָס גרעסער דער טיטל, — די נשמה אַלץ פּוסטער,
מעג דאָס זיין אַ באַנקיר אָדער גאָר אַ מיניסטער.
ווייל אין די דאָזיקע הערצער ברענט ניט קיין פייער,
כ'וואָלט פאַר זייערע נשמות ניט געגעבן קיין דרייער.

עס לויפן

עס לויפן ווילד, אויטאָס און טראַמווייען,
ווי עס וואָלט די שטאָט צעשריגן זיך פון ווייען.
די נאָכט פון זומער איז וואַרעם און לוסטיק,
דורשטיק נאָך תאווה, נאָך זינד גלוסטיק.
אין גליענדיקע צאַפּל זינגט דאָס ווייב:
פּריש או וואַרעם איז מיין לייב!
עס זענען אויך קאַפּריזנע פּרויען פּאַראַנען,
וואָס קאָקעטירן מיטן גוף, ווי מיטן עק די שוואַנען.
אפשר דערפאַר מענטש ביסט באַשאַפן,
פאַרמשפּט כסדר צו זינד זיך פאַרשקלאַפן.
אויף אַ פינצטערן געסל דרייט זיך אַ זונה,
מיט הונגעריקע אויגן קוקט אויס אַ קונה.
אַ צווייט האַרץ בענקט, אין די נעכט נאָך גליק,
ווער ענדיקט זיין לעבן אויף אַ תליה־שטריק.
אפשר איז דאָס פון באַשאַף די שטראָף,
אַז אַלץ וואָס ווערט געבוירן, מוז האָבן איר סוף.
נאָר שטילע הערצער שווייגן אויס אַ תפילה,
פון אַלע זייערע חלומות קיין דערפילונג אפילו.
דער זיסער פרילינג און לינדער מאַי,
אַלץ פאַרשווינדט און לויפט פאַרביי.
אַלץ וואָס געווען, מוז מאָרגן ניט זיין.
כאָטש די זון פאַרשפּעטיקט קיינמאָל, יעדן טאָג אויפצוגיין.
דאָך איז אַלץ ניט אייביק, קיין זאַך איז ניט פעסט.
אַ שטורעם־ווינט קען צעשטערן די זיכערסטע נעסט.

נאַכט־שפּאַציר

ס'זענען נעכט געבוירן פאַר חלומות און טרוימען,
זיי שווימען אַוועק, ווי דער רויך דורכן קוימען.
צייטן זיך בייטן, לויפן טרויעריק פאַרביי.
נאָר זי די גאַסן־פרוי, אַלץ ווידער און פונדאַסניי,
פּייכטע, מידע אויגן, האַלב־פאַרמאַכט, האַלב־אָפן,
צוואַנציק יאָרן פינצטערע אין פיינען אַנטלאָפן.
אין טרויעריקן שפּאַציר, זי וואַרפט הונגעריקע בליקן,
אפשר וועט דאָס מזל, אַ לייטישן קונה איר צושיקן.

אַ רשע־מרושעדיקע וועלט האָט גאָט פאַר איר מתגלה,
פאַר פרעמדע דורכגייערס, געמאַכט זי פאַר אַ כלה.
אויף וואָס האָט זי נאָך צו האָפן, אַז ממילא,
פאַרמשפּעט צו זיין אַן אָפּגענוצטע כלי.
קוקט גלייכגילטיק די לבנה, מיט אויגן שטומע,
אויף וועמען האָט צו האָפן אַ צעקאַליעטשעטע נשמה?
ווי אַ גנב שליידערט זיך אין דער נאַכט דער טרויער,
פאַרוואָס צום טייוול, קלאַפּט דאָס גליק ניט אין איר טויער?
פאַרוואָס מוז זי אין חושך אַלץ טיפער זינקען,
פאַרוואָס ניט פונעם כוס מיט פרייד זיך אָנטרינקען?
צינדט און פאַרלעשט תאווה, די מויד מיט פרעכע פיס —
אַן אויסגערויכערטער ציגאַר, געוואָרפן אינעם מיסט.
ביסט אומגליקלעך פאַרמשפּט, אויף דער
וועלט־אומגערעכטער,
אויסגעשטעלט אויף שאַנד, אויף לייטישן געלעכטער.

פון צער און צאָרן

פון דער וועלט אָפּגענאַרט

אַ גרוילכער חורבן פאַר אונדז דאָס געווען,
מען טאָר ניט פאַרגעסן, וואָס ערשט נעכטן געשען.
שווער דאָס צו באַשרייבן, נאָך שווערער צו דיכטן.
עס בלייבט אונדז ימי־כּיפּורים אַ סך אָפּצוריכטן.
עס סטייען ניט קיין איכה׳ס איבער נשמות און אַש,
מען קען דעם חורבן מיט ימען פון טרערן ניט אָפּוואַשן.
זוך איך אַ וואָרט וואָס זאָל זיין ווי אַ פלאַם.
וואָס זאָל אויפברויזן הערצער ביי פרוי און מאַן.
צו בלאָס איז די שפּראַך, די ווערטער, צו אָרעם,
עס ציטערן נאָך די קברים, הערצער פלאַמען פון יסורים.
ניין! ניט צו דיכטן נאָר פון ווייטיק צו שרייען,
וואָס זאָל שפּאַלטן די הימלען, מיט צאָרן פאַרכלייען.
ווי זאָל איך היילן מיינע טליענדיקע ווונדן,
איך אַ יותם נאָך אַ וועלט וואָס פאַרשוווּנדן?
מיר, וואָס נאָך שבת־יומטובדיקע טעג נאָר געגאַרט,
געבליבן פון דער וועלט און פון גאָט אָפּגענאַרט!

נאַקעט און וויסט

כ'הער אַלץ דעם עכאָ פון דער וועלטס ניגונים,
די פאַרבאָרגנסטע קלאַנגען, אַרויס פון די טיפסטע ברונען.
ווען די ערד האָט ביינאַכט זיך אויסגעטאָן צום שלאָף,
האָט דער ווינט געשמיסן די ערד, פאַר אַ שטראָף.

דאָס האַרץ פון דער וועלט, וואָס שטערן באַגערט,
מיט שינאה צעפלאַקערט די געטרייע ערד.
איז אַ יעגער־וואָלקן אָנגעריטן פון דער פרעמד,
און פון די וואָלקנס צעריסן דאָס נאַסע העמד.

האָבן די הענט זיך געגעבן וואָלקנס צוויי,
גענומען שפייען אויף דער וועלט מיט רעגן און שניי.
האָט דער מענטש פאַר קינאה געברענגט זיין אַרמיי,
און פאַרציטערט די וועלט מיט פייער און בליי.

העלפט ניט קיין קרעכצן, קיין געוואַלט, קיין אוי־וויי,
ס'גיסט בלוט, פון דער וואָלגאַ ביז שאַנס עליזיי.
דאָס האָט דעם מענטש זיך באַרבאַריש פאַרגלוסט.
צו לאָזן שטעט און דערפער, נאַקעט און וויסט.

האָט גאָט זיך באַהאַלטן אין זיינע הימלישע סאַלאָנען,
דאָרט צו באַוויינען די דערמאָרדעטע מיליאָנען.
און פאַר גרויס רחמנות, מיטן קול פון חזנות,
קדיש געזאָגט נאָך די געפאַלענע קרבנות.

דויטשלאַנד איבער אַלעס

דאָס פאָלק פון שילער, גערטע און בעטהאָווען,
פון גרויסער טעכניק און מאָראַלישן דלות,
וואָס האָט אַזויפיל בלוט פאַרגאָסן,
דאָס ברוטאַלע „דויטשלאַנד איבער אַלעס".

נאָכן לעצטן פאַרשפילטן שלאַכט,
וויל ניט אויסטאָן פון זיך דאָס רשעות,
און בענקען אַלץ צו היטלערס שווידער־מאַכט,
צו דער טאַטאַניש פינצטערע ירושה.

ניט געווען קיין שווערד בלוט זאָל ניט פליסן,
יעדן בונד מיט מענטשליכקייט געבראָכן.
פון זייערע מיילער סם זיך געגאָסן
אַ מעסער אין רוקן פון פעלקער אַריינגעשטאָכן!

אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט די בייזע קראַפט,
פון יעדן ליכט אַ פינצטערניש זאָל ווערן,
פון יעדן גוטס דאָס שלעכטע שאַפט,
פאַרפלייצט די וועלט מיט פייער און מיט טרערן.

מיטן גרעסטן דיסציפּלין דאָס לעבן צו פאַרשפּאַטן,
מיט אַ נשמה פון קאַזאַרמע־גייסט,
אַלץ וואָס מענטשלעך צו פאַרבאָטן.
אָ, קאַלטע נשמות, אַ פאָלק אָן אַ טרייסט.

דאָס פאָלק פון מערדער און באַנדיטן,
פאַר אַזוי פיל פאַרגאָסן בלוט, פאַר האָס און צאָרן,
פאַר אירע גרויל־פאַרברעכנס ווייניק וואָס געליטן,
ליידער צו ווייניק באַשטראָפט זענען געוואָרן!

פאַרשוועכטע חלומות

ס׳האָט געציטערט מיין האַנט ווען דאָס געשריבן, —
פון ניין ברידער נאָר צוויי געבליבן.
צוזאַמען מיט מיליאָנען מיט די פלאַמען אַוועק.
דער צער און דאָס אומגליק ביי אונדז איז געבליבן.

ס׳האָבן אָבער גאָרניט געציטערט די פּאַרלאַמענטן,
די גענעראַלן, מיניסטאָרן, דיפּלאָמאַטן פון אַלע קאָנטינענטן,
וואָס איז וויכטיק דאָס בלוט פון מיליאָנען,
ווען מען טרינקט שאַמפּאַן אין די רייכע סאַלאָנען?

אוישוויץ, מיידאַנעק, די היטלער־קרעמאַטאָריעס,
מען פאָרשט דעם אַטאָם אין געהיימע לאַבאָראַטאָריעס.
ס׳לאָזט די וויסנשאַפט דיך פריינטלעך גריסן, —
אַט באַלד פון ציקלאָטראָנען ווערסטו מענטש צעריסן.

דער אַטאָם, דעם געניאַלסטן פּאַטענט דעם עכטן,
צו דער מאַכט פון פּאָליטיקערס די וועלט צו פאַרקנעכטן,
דער בלויער חלום אין אוישוויץ אַ פאַרברענטן,
די וויסן־לייט און פּראָפעסאָרן — פון טייוולס אַגענטן.

ווייל ס׳איז אונדזער פּלאַנעט פון צופיל וויסן שיכור,
צעפּאַלן וועט, ווי אַ קאַרטן־הויז, די ערד זיך אויף שטיקער.
אָבער ניט, ווי די מלאכים אויף יעקבס לייטער,
אַ מענטש, אַרויף צום הימל אויף אַ מאָדערנעם עליוווייטער.

געטראָפן דאָרט אַ פינצטערניש, די עלעקטרי פאַרלאָשן,
און גאָטס גן־עדן אויף שלעסער זיבן פאַרשלאָסן.
אַ גאָט, האָסט צעשטערט אונדזער געצעלט,
מיט דיין הייליקער שווערד ווילסט חרוב מאַכן די וועלט!

אַ ביינער־געשפּענסט

אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען,
מיט אירע צאַפּלדיקע חלומות אויף הימלישע לייטערס,
מיט צעפּיבערטע דמיונות,
אַוועק אויף עינויים, אויף בראַנדיקע שייטערס.
אַ וועלט איז דערטרונקען, פאַרזונקען,
אין גרויל פון מיידאַנעק און סאָוויבאָר,
אין קאַלך און אש — אַ ביינער־געשפּענסט.
פון קרעמאַטאָריום־קוימענס — אַ רויטע מגפה,
פון מערדערישע הענט אַ געצונדענע שריפה.
געבליבן פון ביטערניש אַ חושך — אַ גאַנצער,
אַ בית־עולם־נאַכט, פון שינאה די פלאַנצער.

כ׳זע זיי די מערדערישע פּרצופים,
מיט פאַרשוווער יובטע פאַרכליניעט.
אַ טעמפּער מענטשן־ערזאַץ,
אַ פלינק דערוואַכטע חיה,
מיט מערדערישן פאַרגעניגן,
די האַק פון טויט אויפגעהויבן,
געפּראַוועט זייער הינטישע סעודה,
זייער מענטשלעכע נשמה אין ים פון שינאה פאַרלוירן.

ווילן זיי איצט דאָס בלוט־שאַנד פון זיך אָפּוואַשן,
זייערע הענט פון מאָרד שוין מידע,
און נאַכאַמאָל באַגראָבן דעם בלוט־פאַנטאָן,
דעם ביינער־געשפּענסט אין די אָפּגרונטן,
פאַרווישן דעם געשפּענסט פון ביינער און אַשן.
אין שפּיל פון פאַרגעסנקייט דאָס בלוט אָפּוואַשן,
עס וועט אָבער דער ים פון מיליאָנען קללות,
באַגלייטן זייער גורל מיט פינצטערע מפּלות!

דאָס געטלעכע געוויסן

דער שוידערלעכער אוישוויץ און מיידאַנעק־בראַנד,
שווימען נשמות אין די ספערן פון פאַרויכערטן שאַנד.
דאָרט ווי די מילדע נאַטור גערופן צו פרייד און לעבן,
אַלע באַשעפענישן, וואָס פון בלוט און פלייש געקנעטן.
אָבער דו גאָט האָסט געקוקט און געשוויגן,
האָסט געלאָזט אומשולדיקע פון טייוול באַזיגן.
געלאָזט זיי מאָרדן פון דער נאַצישער מאַכט,
אומבאַוואָפנטע אומצוקומען אין אומזיניקן שלאַכט.
האָסט אָב הרחמים געקוקט מיט אַ געמיטלעכן שמייכל,
צום גאָלדענעם בעכער פון יין שמר, אין דיין געטלעכן היכל.
ביסט רואיק געשלאָפן אויפן וויכן הייליקן קטורת,
און געוואַרט אויף אַ הללויה פון אָפענע קברות.
עס האָט דער גרויסער בראָך ניט צעריסן,
ניט דער ווײ־געשריי פון קינדער — דיין געטלעך געוויסן.
זהאָסט רחום וחנון ניט געוואָלט אויסהערן,
ווען די זון האָט געבלוטיקט און געציטערט די שטערן.
זאָלזשע איבער וועלט זיך צעטראָגן די מעכטיקע שטימע,
פון פאַרברענטע קרבנות, מיליאָנען אַנאָנימע.
לאָמיר ברעכן וועלטן, מאָנען פון דער וועלט דעם חוב,
פאַר די זעקס מיליאָנען, אַ מעכטיק געשריי הייב אויף!
עס זאָל איבער דעם נאַציש־בלוטדורשטיקן פרייסן,
אונדזער צאָרן, ווי אַ באָמבע מיט טויזנט קראַפט אויפרייסן!
איך מיינט, אַז די טויטע זענען שטומע? — —
ס׳קען דער טויט אין די מערדער אויך נעמען נקמה!

געוועזן אַ דור

אַ יוגנט פון וואָרט, מיט טאַט געוויטערט,
פון פינצטערניש געוואָרן פאַרצוקט און פאַרביטערט,
געוואָלט זיין די ציגל פאַר אַ גערעכטע וועלט.
נאָר שוואַרצע וואָלקנס — דאָס ליכט זיי פאַרשטעלט.
טעג פון תעניתים, נעכט פון ליבע און הייסן בליק.
נשמות פרייע — אויפן האַלדז אַ שטריק.
נשמות צעפלאַמטע, צעברויזט און צעגליט,
מיט זינגענדיקע טריט — אַ שטורמיש געמיט.
צעשטראַלטע נשמות פון אַ פרייען דור —
אַ יוגנט געטריי, געקעמפט און געליבט האָט אַמאָל.
געשפּאַנט איבער גאַסן מיט צעשויבערטע האָר,
נשמות געטיגלט זייער גייסט אין שטאָל.
אַ הונגעריקע יוגנט מיט חלומות רייך,
אין צעברויזטן עקסטאַז — אַ שטורמישער טייך.

פון אַ נייער וועלט געוואָלט זיין די וועקער,
נאָר דער זיג פונעם שקר געשאַלט האָט פון גלעקער.
זייער חלום האָט געבוירן אַ פאַלשן דערלייזער,
וואָס פאַרבלוטיקט די ערד מיט שאַנד אַ בייזער,
אַ לעבן ניט דערלעבטע, אַ חלום פאַרשוועכט,
פון מערדערישע הענט — פאַרשאָלטענע נעכט.
געוועזן איז דאָס אַ וווּנדערלעכער דור,
אויסגעהויכט די נשמה אין גרוילעכן וואָר.

אַלץ אַרום — טויב און בלינד

פאַרגאַנגען אין חושך די יידישע וועלט,
מיט אירע וווּנדער־לעגענדעס און האַרציקע לידער.
וועט דער קאַרשן־בוים מער ניט בליען,
די גאָלדענע פאַווע ניט קומען צו פליען.
טרויעריק הענגען אויפן הימל די שטערן,
עס טריפט פון לבנה בלוטיקע טרערן.
ס׳שפּיגלט די נאַכט זיך אין בריליאַנטענעם שניי,
און פאַרשיט דעם עכאָ פון לעצטן אוי־ווײ!
אַלץ אַרום — פוסט און בלינד —
אַ מאַמע וויגט איר טויט קינד.
ערגעץ וואַרט משיח אויפן שופר התקיעה,
דאָס יידישע לעבן צאַפּלט אויף אַ תליה.
אָטעמט מיט גסיסה יעדער מויער,
אַ שאָטן פון אַ מענטש ביים שוועל פון אַ טויער.

אַלץ וואָס געלעבט אין דער שטאָט איז פאַרשוווּנדן.
געבליבן בלויז דער צאַפּל, דער ווײ און די וווּנדן.
פענצטער מיט אויסגעהאַקטע שויבן,
וואַרקען פון בענקשאַפט דאָרטן די טויבן.
אויסגעצאַנקט, אויסגעהויכט די נשמה.
אַ פלאַמיקער זײל — די פאָן די שטומע.
קראַקען קראָען פון באַהעלטעניש פאַרבאָרגן —
ווער האָט דאָס לעבן פאַרשוועכט און דערוואָרגן?
ביסטו יידיש־וועלט געבליבן טיף אין מיין זכרון —
בעט איך — שטייט אויף צוריק, איר געשאָכטענע יאָרן!
קיין זאַך איז ניט קיין וווּנדער מער —
שטײ אויף מיין געליבסטע! קום ווידער אַהער!
כ׳וועל דיך אין זיסע חלומות פאַרוויגן,
דער טייוול זאָל דאָס לעבן מער ניט באַזיגן!
און מירביידע אַוועק פון די רויִקע רואינען,
צו אַ פאַרחלומטע וועלט, צוזאַמען אַוועקשווימען.

געווען אַמאָל אַ שטעטעלע

געווען אַמאָל אַ שטעטעלע, די הייזעלעך שוין אַלט,
דערנעבן פליסט אַ טייכעלע, אונטערן שאָטן פונעם וואַלד.
וואַקסט און בליט דער וואַלד און דאָס טייכל פליסט,
נאָר מיין טייער שטעטעלע — חרוב איז און וויסט.

מיט ליבע געבליט דאָס שטעטלע, היינט מיט טרערן
אויסגעווייקט,
פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַ פייגעלע, די זון ווי אַ
טרוים פאַרגיי.ט
אַ ווינט צעוויגט דאָס טייכעלע, דער וואַלד שומעט און רוישט.
צו מיין אָרעם שטעטעלע כ׳גיי פון בענקשאַפט אויס.

דער הימל אַ צעלאַכטער, העל, ריין און בלוי,
איבער חורבות פון מיין שטעטעלע פליט אַ שוואַרצע קראָ.
דער וואַלד, דאָס טייכל — אַלס שענער און ליבער,
אין מיין האַרץ דער ווייטיק — אַלץ וויסטער און טריבער.

כ׳האָב אַמאָל געזונגען פון גליק אַ ליבע-לידל,
היינט פאַרלאָשן איז מיין גליק, צעבראָכן איז מיין פידל.
אַ בייזער שטורעם מיך פאַרטריבן ווייט אַוועק,
צי וועט אַמאָל מיין שיף קומען צו אַ ברעג?

בענק איך צו מיין שטעטעלע — געווען אַזוי ליב און זיס.
קאַלט און פוסט אין האַרצן, פון הימל טרערן גיסט,
אין קברים באַגראָבן מיין יוגנט, דאָס גליק פון אַמאָל,
מיין נעכטן, דער זיסער חלום — אַ פינצטערער גרוב.

אין־זיך לידער

אויף געסלער שמאַלע

אויף געסלער שמאַלע האָט מיין יוגנט געבליט,
אַ ליכטיקן שטערן געגאַנגען אַנטקעגן,
מיין נשמה מיט פלאַמען־פייער צעגליט,
מיט שטורעם־געזאַנג באַהויכט מיין געמיט.

ווען איך אַ מאָלער זיין וואָלט,
איר הייסע נשמה, ווי האָניק דעם זיסן,
זי אויסגעמאָלן מיט פאַרבן פון גאָלד,
ווי דעם מאָרגן־רויט מיט פרייד זי באַגריסן.

כ׳האָב אָבער מיין נעכטן אין בלוטיקע טייכן פאַרלוירן,
אין גיהנום־פייער פאַרברענט איז מיין גליק,
אין אַלע מיינע פאַרפייניקטע יאָרן,
אין האַרצן געטראָגן איר הייליקן בליק.

אַוועק איז די יוגנט, האָפענונג און ליבע,
אין ברויזיקע פלאַמען פון פאַרבלוטיקטע טעג,
ווען ערד און הימל האָבן געציטערט —
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטערן, פאַרלוירן מיין וועג.

ווי אַן איינזאַמע ווערבע אין טרויער פאַרביטערט,
די סטרונעס פון האַרצן פון ווייטיק געציטערט.
מיט בענקשאַפט, מיט פיין אָנגעלאָדן,
צו אַ מיידלישן שמייכל פון מיינע גאָלדענע יאָרן.

בלאָנקע איך איבער געסלעך פאַרלאָשענע, ווי צווישן קברים,
ווי באַגראָבענע נעכטנס, פאַרגאַנגען אין שטורעם.
אַ לעבן פון ליבע פון מיר אַוועקגעשווומען,
געבליבן בלויז אַ בענקשאַפט נאָך אַ ליכטיקן נאָמען.

שטימונגען

כ׳הער אָפּט די קלאַנגען פון אונטערערדישע שטימען,
וואָס נורטן אין די טיפענישן פון דער נשמה.
דאָס זענען געפילן, וואָס האָבן ניט קיין נאָמען —
טונקל־סודותדיקע, אויף דער נשמה זיי שפּילן
מיט די איידלסטע טענער — אַ ניגון פון אַ פידל.
קענען נאַכט־שטימונגען אויף פאַרכטיקע, ווי מתים זיין,
מרה־שחוריקע כמאַרעס, וואָס יאָגן זיך אין די הימלען, —
פון ווייטע בערג — אַ שאַקאַלן־געוויין.

פאַראַן אין הערצער אַזעלכע סטרונעס,
וואָס ציטערן אויף, ווען מען באַרירט זיי.
אפשר זענען דאָס פון גרויסן חורבן אָפּקלאַנגען,
אַ נאַכט־סימפאָניע פון פאַרבלוטיקטע געזאַנגען?
אַמאָל איז דאָס אַ צאַרטער שמייכל פון אַ יונגפרוי,
אָדער גאָר אַ חשבון מיט זיך אַליין.
ווען עס וויטיקן ווינטן, ווי אַ קינדער־געוויין?
אָדער טרוימען פון זוניקע באַגינענס,
אָדער צאַרנדיקע ווייען איבער בלוטיקע רואינעס.
אַ פרילינג־ניגן פון חלומות ניט־דערפילטע,
פאַרכישופטע באַגערן קיינמאָל ניט־געשטילטע,
אַ וויינען אָן טרערן, וואָס קלינגט אין די אויערן,
אָפּקלאַנגען פון אייגענער, אינערלעכער שטימע,
אָדער קלאַנגען פון לעבן, פיבערדיקע לידער,
ווי עס וואָלט געוועקט זיך אַ פאַרטרוימטער פרימאָרגן,
איינגעהילט אין אַ בלויען טוי און פאַרבאָרגן.

האָפענונגען, די אַלטע חלומות פון ווייטע ווייטן,
וואָס וואָגן אידעען פון פרייהייט צו פאַרשפּרייטן,
באַרויבן דאָס קען דער גרעסטער שונא ניט אפילו,
אָנצוטוען קייטן אויף אַ פרייער נשמה.

דער צוג

עס שפּייט מיט רויך דער לאָקאָמאָטיוו,
אַ ריטש רייסט דורך די לופט, ווילד אַגרעסיוו,
אַ האַסטיקער שטויס, אַ ברוטאַלער שלעפּ,
ער לויפט, ווי אַ הונגעריקער וואָלף איבער סטעפּ.
אַ שטאָלענע חיה, כלושטשעט איבער ערדישן שויס,
אַ פּאָנפאָר מיט יאָמער, זיין בענקשאַפט שרייט אויס.
אַ רעדער־טאַראַראַם, אַ מרחקים־איינשלינגער,
ווי געיאָגטע שדים מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער.
צווישן רויך, פּאַרע, פייער־צינגען,
אין נעפּלדיקער בענקשאַפט ווערט פאַרזינקען.

וואָהין איז דער צוג אנטלאָפן ?
צו לענדער ניט־אַנטדעקטע, הונגעריקע נאָך טרייסט.
וועמען האָט ער אַוועקגעפירט ?
אַ נאָענטע, אַ געליבטע, אַ האָפונג אַ לעצטע,
יאָ אַוועק צוויי אויגן, וואָס מאָנען,
ליפּן, ניט־דערזאָגטע רייד,
פון געהיימע צוזאָגן, באַגערטע פרייד.
אַוועק אַ ליכטיקער באַגינען,
אַ לעגענדע, פון ליבשאַפט געשפּינען.
כ'האָב זי ליב געהאַט אָן אַ מאָס,
געבליבן די בענקשאַפט, גרויס דער פּאַרדראָס.
לויפט דער צוג דורך פעלדער, וועלדער און בריק,
אַנטלויפט פון דעם נעכטן, אַנטלויפט פון דעם גליק.
געלאָזט איינזאַם און פרעמדן זיין,
דעם טרוימער און זינגער, מיטן פידל אַליין.

אויף ברודיקע גאַסן

אויף ברודיקע גאַסן און קויטיקע הייזער,
אַ פאַרשאָלטענע וועלט צווישן אַש און רויך.
דאָרט, אין דער אימפּעריע פון דלות האָבן מיר געוווינט.
דער טאַטע מיט פאַרהאָרוועטע הענט, אָן אַרבעט,
די מאַמע האָט תמיד געחלומט פון ברויט.
מיין עלטערער ברודער — אַ הונגעריקער פּאָעט,
געשריבן באַלאַדעס פון אָרעמקייט און נויט.
דער הונגער געווען ביי אונדז אַן אָפטער גאַסט.
אין ענגע בעטן די אַלטע באָבע און זיידע,
זייערע פאַרשעמטע יאָרן געפּאַלן צו לאַסט.

נאָר איך איבער געסל פון שוסטער און שניידער,
מיט צעריסענע שיך און געלעכערטע הויזן,
געקעניגט, ווי אַן אמתער פּרינץ.
איבערן דרויסנדיקן פראָסט און פוכיקן שניי,
מיין חלום האָט געקעניגט איבער זיי.
איבער דער מאַמעס אָרעמען שבת,
איבערן טרויער, וואָס געוויינט פון די ווענט.
אַפילו איבערן פאַרדעקטן אָרון פון אַ מת,
האָב איך מיין אייגענעם פּעטער דערקענט.
דער טאַטע אין יאָך פון נויט איינגעשפּאַנט
די מאַמע האָט דעם דלות געשאָלטן.
אויך הונגעריק געווען איז די קאַץ.
האָט זי טרויעריק געמיאַוקעט, געבעטן אַ ביסעלע מילך.
כ׳האָב פאַר רחמנות גענומען זי אויף דער האַנט,
געזעצט זיך אויפן אַלטן בעזעם — אַוועק געריטן צום הייליקן לאַנד.
ווי אין טייטש־חומש געשריבן שטייט —
פליסט דאָרט מילך מיט האָניק און וואַסער גיסט פון אַ שטיין,
און אַז משיח וועט קומען, וועט אַפילו אַ קאַץ ניט הונגעריק זיין!

ביזן לעצטן אָטעם פון מיין ליד

מיין יוגנט אַוועק אין נעפּלען פון גאָלדענע חלומות,
מיט אַן אָנגעצונדענער נשמה צו לויטערער ליבע,
צו ליבע טעכטער מיטן דופט פון פרילינג באַהויכט,
צו מיידלישע זיסקייט, ווי טייערסטער וויין,
דער שמייכל פון מאָרגנשטערן אין זייערע נשמות געלויכט.
מיט שלווה געאָטעמט, מיטן ריח פון סעדער.

מיין חלום געוואָנדערט איבער דער קילקייט פון דער לבנה,
זיך געבאָדן אין ברענענדיקע לאַוועס פון זון,
געשלאָפן אויף די זילבערנע וואָלקנס אין די הימלען,
אויף די דופטיקע געלעגערס פון דער בליענדיקער ערד.

און איצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פאַר דער עלטער,
וואָס מיט זילבער־פאָדעם אַרומגעוועבט מיין קאָפּ.
יאָ כ׳ווייס, כ׳האָב אין מיין לעבן גאָר ווייניק דערגרייכט,
דורשט אַלץ דער באַגער — נאָך ליבע און פרייד.
כאָטש צעבראָכן שוין די לירע, וואָס מיין לעבן באַגלייט.

ווער וועט מיך ווייטער לאָזן איבערן לעבן שפּאַנען,
ווו בלוטיקע טרערן זענען מער ניט פאַראַנען?
כ׳בין פון לעבן נאָך אַלץ ניט מיד.
פאַרוואָס ניט ווייטער שפּאַנען מיט ליבע,
און ווייטער שפּינען מיין גאָלדענעם חלום,
ביזן לעצטן אָטעם פון מיין ליד?

כ׳וואָלט, ווי פאַוסט, זיך פאַרקויפט צו אַ מעפיסטאָ,
ער זאָל מיך מיט פופציק יאָר מאַכן יונגער,
כ׳זאָל, ווי אַן אָדלער איבער דער וועלט אַרומשוועבן,
און זיין פון ליבע און פרייהייט דער זינגער!

מה נשתנה

כ׳האָב געקוקט אויף דער לבנה׳שע פּרויען־געזיכט,
ווי זי וואָלט אַ טיפן סוד אין זיך באַהאַלטן.
כ׳האָב דאָס דערקענט אין איר בלייכקייט — דעם קאַלטן.
אַ פּרוי, פון דער לבנה נאָך קעלטער און בלאַסער,
שיין ווי ווענוס, וואָס אַרויס נאָר פונעם וואַסער,
כ׳ווייס ניט פאַרוואָס האָט מיין נאַרישער שכל,
דווקא געזוכט אויף אירע ליפּן אַ שמייכל.
אָבער ווען אַ האַרץ איז קאַלט און פאַרפרירט,
אַפילו אַ שטראַל פון דער זון וואָלט דאָס אייז ניט גערירט.
אָבער זי — פון וואָס און פון וואַנען,
האָב איך נאָר איין זאַך גוט פאַרשטאַנען,
אַז מען דאַרף צו איר רעדן מיט די ליבסטע ווערטער,
כ׳בין לײדער געבליבן — אַ ניט־דערהערטער.
וואָס בלייבט פון אַ ליבע, צו אַ קאַלטער ווענוס, מיר ווייסן, —
בלויז אַ ווייטיק, וואָס אַ האַרץ קען צערייסן.
איז אין מיר טאַקע עפּעס פּוסט געוואָרן,
ערגעץ אַוועק — אַ חלום כ׳האָב פאַרלוירן.
זייט זשע מיך גאָר ניט מקנא —
כ׳האָב געקוקט אויף דער בלאַסער לבנה
און געפרעגט — מה נשתנה?

דיין בלייבער שמייכל

אַדיע, אַדיע, מיין הייס־געליבטע!
כ׳געזעגן דיך ביים לבנה־שיין.
עס רוישט דער ים, עס זיפצט דער ווינט,
אָן דיר כ׳בלייב — איינזאַם, אַליין.

כ׳וואָלט דעם אומעט פון דיינע אויגן,
מיט מיינע ליפּן אויסגעזויגן,
מיין קאָפּ אין דיינע ווייכע אָרעמס פילן,
אַלע שטורעמס אין מיר צו שטילן.

צו דיין דופּט אומגעזעטיקט,
ניט קיין שפּילצייג, קיין צייט־פאַרטרייב —
דורשט מיין נשמה, שמאַכט מיין לייב,
דו — הייס־געליבטע, האַרציק ווייב.

ס׳איז דיין ווייבלעך נאַקעטקייט געווען,
פיל שענער ווי אין רייך־אויסגעפּוצטע טואַלעטן,
ניט געגוויטיקט זיך דיין קערפּער־חן,
אין שמוק, פּערל, אין בראַנסאַלעטן.

ניט קיין גרים, אָן שום צירונג,
דו אַליין געווען — אַ שטיק בריליאַנט
כ׳וועל בענקען נאָך דיין בלייכן שמייכל,
וואָס מיר געווען אַזוי גוט באַקאַנט.

געווען פאַר מיר די ליכט פון זון —
געבליבן — בענקשאַפט, טיפער באַנג,
ווי אַ זיסער חלום ביסט פאַרשוווּנדן —
פאַרלאָשן איז אַ גרויס געזאַנג.

אַדיע, אַדיע, מיין זיסער חלום
כ׳וועל פון שלווה מער ניט וויסן,
מיט וואָס היילן כ׳זאָל די ווונדן,
פון דעם טאָג, וואָס ביסט פאַרשוווּנדן,

זי לעבט אין מיין זכרון

זי לעבט אין מיין זכרון — אַ ליכטיקער שטערן,
גרויס געווען אויף מיר איר מאַכט.
ווילד — פלאַמיקע אויגן — איר בליק אַ ציטער,
איר גאַנג — אַ שטיק געוויטער!
אַ זיסער געזאַנג, אַ צויבער־מוזיק,
פון ברענענדיקע אויגן — אַ פלאַמיקער בליק.
אויב ניט מיסברויכן מיט ווערטער —
געווען איז זי אַ פּראַכט!
ווי דער שטורעם, וואָס וועקט דעם לעבנס־חוש,
געווען פאַר מיר איר יעדער קוש.
כ'האָט געהאַט אַ סך איר וואָס צו זאָגן,
נאָר אויף דעם אַליין פאַרציכט,
ווייל אַ גרימאַסע געשפּיגלט זיך אויף איר געזיכט,
ווי אַ פאַרשעמטע לבנה ווען עס הויבט אָן טאָגן,
האָט זי עפּעס אַ סוד ניט געוואָלט מיר אויסזאָגן.
איך אָרימער דיכטער אָבער ווייס,
אַז אַ פרויען־האַרץ איז ניט פון אייז,
און וויפל געפילן אין אַ האַרץ איז פאַראַנען,
האָב איך דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען,
וויפל רעטענישן אין אַ נשמהס פאַרבאַרגענע ערטער, —
קיין דיכטער וואָלט דערצו ניט געסטאַיעט קיין ווערטער.
איך האָב אויך געוווּסט דערפון,
אַז אונטער וואָלקנס ליגט באַהאַלטן די זון,
האָב איך געוואַרט עס זאָל אויפשיינען איר העלער שמייכל,
און ערגעץ — „אין וועלדל ביים טייכל",
וועט זי מיין הונגער נאָך פרייד אָנזעטן,
וואָס פאַדערט דען די ליבע חוץ פריידן?
עס זוכן דאָך ביידע דעם פאַרלוירענעם גן־עדן.

כ׳שטיי ביי אַ ווילדן ברעג

כ׳שטיי ביי אַ ווילדן ברעג, צווישן נאַקעטע פעלדזן,
מיט בענקשאַפט כ׳קוק צו אַ באַהאַלטענעם אינדזל,
אַ קליין שיפל צווישן פעלדזן מאַטע,
אונטערן שאָטן, ווי אַ חלום קוקט אַרויס אַ כאַטע.
ווי דאָ וואָלט דער פרידן געוווינט.
ערגעץ אונטן, ליגן טיפע סודות באַהאַלטן,
איבער אַ שמאָלע סטעזשקע, באַוועגן זיך
מענטשלעכע געשטאַלטן.
אַ געמיטלעכער שלווה איבער אַלץ איז צעגאָסן,
ווי דאָס האַרץ פון דער וועלט וואָלט אירע טויערן
אויפגעשלאָסן
און אין פאַרזונקען אין ווייטן יאָרן־טומאַן,
אין מיטן דער שטילקייט ברויזט מיין האַרץ — אַ ווולקאַן.

אין שטורעם געבאָדענע, צעטרייסלטע יאָרן,
צווישן הייסע ליבע און פלאַמיקן צאָרן,
פרעג איך — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך,
אויב די נאַטור איז אַזוי געמיטלעך, אומבאַוועגלעך,
אַז אין מיר זאָל אַזוי שטורמען דאָס בלוט?

אַ זילבער וואָלקנדל דעם בלויען הימל לעקט,
אין מיר פיבערט אַ חלום, פון דרימל מיך וועקט,
עס וועקן זיך אַלטע פאַרלאָשענע טרוימען,
צווישן געלאַסענעם ים, איבער רואיקע רוימען.
צווישן האָפן און אַנטוישונג, פאַרלאָשענע שטרעבן,
געזוכט דעם באַשייד — וואָס איז אַזוינס לעבן?

כ׳געדענק

כ׳געדענק נאָך איר פריידיק הייסן בליק,
דעם מיידלישן שמייכל געבריט האָט מיט גליק.
כ׳געדענק יענע זיסע, שמייכלענדיקע יאָרן,
אין האָניק פון פריינדשאַפט אויסגעבאָדן.
אָבער ווען מיט טרויער זי אָפּגעזעגנט,
מיין נשמה געבליבן־אַ שטיק בליי.
פון דאַן ווען מיט פרייד זי באַגעגנט —
אַוועק איז דער נעכטן — אין פלאַמען פאַרביי.

וויינט דער הימל, ס׳קלאָגט דער ווינט,
די שטאָט פאַרבלוטיקט, ווי נאָך אַ שלאַכט,
עס שווייגט די גאַס, די קאַלטע ווענט,
פוסט און פּראַסטיק איז אַרום —
אַ פויגל בלאָנדזשעט טרויעריק שטום.

דער פויגל דאָס בין איך אַליין,
ערד און הימל מיר שוין פרעמד,
אַ שמייכלדיק לעבן ווער האָט געשענדט?
זיסע יאָרן אַוועק העט ווייט,
ווי זאָל איך זוכן די פאַרלוירענע צייט?
אַ חורבה מיין היים, צעפּרעסן פון פלאַמען,
פאַרלאָשן איז אַ לעבן, מיט גאָט צוזאַמען.

נאָר אין חלום קומט זי ווידער,
זי פלאַמט מיט אירע טייערע, האַרציקע לידער,
מיט עפּל־ריח און כרמל־וויין.
אַ הויך לאַכן און פריילעך זי שטיפט,
מיט אַ העליש געלעכטער אויף קאַרמען־ליפּן.
אַ, ווי שטאַרק איך בענק צו איר!

ווי אַ בלום פון גן־עדן

די שענסטע בלום פון גן־עדן,
האָט אַ טיפן אומעט אין מיר פאַרזייט.
איינגעקריצט זיך אין מיין זכרון,
אויף אייביק דאָרטן בלייבסט,
אַ פרוי ווי אַ ליכט, אין אַ בלויען קלייד,
אין אירע פלאַמיקע אויגן געוווינט האָט די פרייד.

זי האָט מיך ניט פאַרבעטן, אַליין כ׳בין געקומען צו איר,
ניט באַלאַנגט צו די חשובע געסט, אַ פאַרשעמטער
געעפנט איר טיר.
דער באַלויכטענער זאַל, מיט געסט פאַרזאַמלט געדיכט,
ווי אַ בלום פון גן־עדן געשיינט צווישן זיי איר געזיכט.
איר שיינקייט, וואָס אַלץ פאַרבלענדט,
געווען מיינע אויגן צו איר נאָר געווענדט.
אַ וווּנדערלעכע וועלט כ׳האָב אין אירע אויגן געפונען,
און טיף אין מיין האַרצן אַ טרוים כ׳האָב געשפּינען.
אָבער אַ ניט־דרייסטער, מיט ניט־זיכערן שפּאַן,
אַ פאַרליבטער געטראָטן אויף דעם פּלושענעם דיוואַן.
שוין אויסגעטרונקען מיין גלעזל טיי,
תירוצים צו בלייבן געזוכט אַלערליי.
זי פאַרשיכורט פון אַזוי פיל ליבע־בליקן,
נאָר מיין בענקען צו איר ניט געקענט אין זיך דערשטיקן.

דורכגעשפּאַנט פון די יאָרן אַלע פינצטערע טויערן,
דאָרטן אין גיהנום מיינע טייערסטע פאַרלוירן,
טראַגישע יאָרן, דורך פינצטערן גורל פאַרווישט,
נאָר די בלום פון גן־עדן כ׳וואָלט אין חלום אויסגעקושט.

מיין ביאָגראַפיע

מיין ביאָגראַפיע כ׳וועל גאַנץ קורץ אייך דערציילן,
מיט לאַנגע געשיכטעס אייך ניט לאַנגווײלן.
אַלס קינד דעם טעם פון זעט ניט געפילט,
און דאָך מיט די שטערן פון הימל זיך געשפילט.
כ׳האָב זיך געשפּייזט מיט חלומות און טרוימען,
מיין פאַנטאַזיע ניט געוווּסט פון קיין צוימען.
און קעגן דעם אומגערעכטיקן סטרוי,
געהאָלפן צעבלאָזן אַ פּאַזשאַר מיראָוואָי.
דאָס לעבן האָט אָבער מיט פאַלשקייט גערוישט,
כ׳בין גיך פון דעם חלום געוואָרן אַנטוישט.
געקומען אַ סטאַלין, וואָס זיינע נאָענטסטע דערשאָסן
אַלס שפּיאָנען,
אַ וואַנזיניקער היטלער, געשאָכטן פון מיין פאָלק מיליאָנען,
די וועלט איז פאַרזונקען אין אַ פינצטערע נאַכט,
מיט מאָרד און פאַרברעכן מיין פאָלק אומגעבראַכט.
די געשיכטע פון מיין לעבן, געשריבן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט,
די וועלט אין פייער־פלאַמען, פון בלוט מער ניט זאַט.
געקומען אויף הירושימאַ, דער אַטאָמישער געשפּענסט —
אַ משוגענע וועלט, וואָס פוילט און ברענט.
פינצטערע יאָרן, באַגלייט מיט טאַנקן און גאַזן,
מיט אַ דיפּלאָמאַטישן שמייכל פון די מאָרד־ווירטואָזן.
צווישן געשטאַנק פון אַלטקייט און גערוך פון טויט,
דאָס פאַרגאָסענע בלוט האָט אין מיין נשמה געגרוילט.
כאָטש זיי די גְעשטאַנקען מיט שיינע פראַזן פאַרפומירן,
מיט שווינדל־רייד זיי די פאַרברעכנס באַלזאַמירן.
אונטערצושפּאַרן דעם שקר־בנין פאַרפוילטע זיילן געשטעלט,
מיט אָט וואָס עס גרויסט זיך די קאָרומפּירטע וועלט!
און וואָס זאָל איך אייך נאָך דערציילן?
צי קען מען מיט ווערטער דעם צער דען אויסהיילן?

ווען מיין פאָלק איז אומגעקומען אין בלוטיקן געוויטער,
אויף תמיד אין מיר פאַרבליבן דער צער און ציטער.
אויך מיינע ליבעס זענען אין נעפּל פאַרגאַנגען,
אָבער טיף נאָך אין האַרצן כ'טראָג זייערע געזאַנגען.

כאָטש איך קען בלויז איבער קברים איינזאַם אַרומלויפן,
און מיינע צאָרן־געזאַנגען נאָר פאַר מתים פאַרקויפן.
ווייל כ'קען גזלות מיט פרייהייט ניט גראַמען,
זינגט אויס מיין צאָרן מיט ליבע צוזאַמען.
קלייב איך פון אידעאַלן די לעצטע שיריים,
און שפּאַן מיטן חלום די וועלט פון בייז צו באַפרייען.
כ'זוך אַלץ צום ליכטיקן חלום דערלאַנגען, —
קיין סטרונעס פון שקר אין מיינע געזאַנגען.
אויך דאָס מיינע פריינד מעגט איר וויסן
פון דער שיינקייט פון ליבע כ'בענק צו געניסן.
כ'וויל די קברים־וועלט מיט חלום און ליבע פאַרזיסן,
ווייל אין לעצטן סך־הכל אַ גאַנץ לעבן דורכגעשפּאַנט,
ווי אַ פּשוטער מענטש, מיט אַ ריינעם געוויסן!

וויפל מאָל

וויפל מאָל איז שוין אונטערגעגאַנגען די זון,
זינט עס האָט פאַרשטומט דער צויבער־געזאַנג,
וואָס אין מיין נשמה דו האָסט טיף פאַרפלאַנצט ?
כ׳זע נאָר אַלץ אין חלום דיינע שטראַליקע הענט,
וועלכע אַזוי פיל גליק אָנצינדן געקענט.
געווען פאַר מיר אַ בליענדיקער, ליכטיקער מאַי,
אַוועק מיטן נעכטן, ווי אַ חלום וואָלט פאַרביי.
אַוועק די תענוגים, אין חושך די וועלט פאַרזונקען,
אין אַ פינצטערן תהום, אין אַ ים פון בלוט דערטרונקען.

אָ, מיין ליכטיקע ! אויף אייביק ביסט פאַרשוווּנדן,
האָסט אַזוי פיל בענקשאַפט אין מיין האַרצן אָנגעצונדן.
וויפל לייד פאַרביי, זינט דעם ערשטן קוש געגעבן ?
אַזוי פיל בענקעניש אין פינצטערניש זיך וועבן.
דער שטראָם פון צייט ער שווימט געשווינדט אַוועק,
נאָר דאָס לאַנד פון קברים פאַרזונקען איז אין שרעק.
מיט פאַרגאָסן בלוט, פאַרפלייצט פון מערדערס הענט,
ערגעץ מער קיין גליק געפינען ניט געקענט.

אָ מיין ליכטיקע, עס וואָלט דאָך אַנדערש זיין געקענט.
מיר האָבן דאָך גאָר ניט באַוויזן צו לעבן,
און דו האָסט פאַרלאָזט אונדזער וועלט.
אָ ווען ניט די רוצחים, ווי שיין דאָס וואָלט געווען,
געבליבן בלויז אַ מצבה, אין מיין האַרצן דיר געשטעלט.

זי איז געווען

זי איז געווען ניט שיין און ניט מיאוס,
קיין חכמה ניט גערונען פון אירע רייד,
דערפאַר ניט באַדאַרף לאַנג בעטן,
זי זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס קלייד.
אפשר דערפאַר מיר געוואָרן באַשערט,
ווייל זי האָט מיר גאָר ניט געשטערט,
אויפן שמאָלן געלעגער כ׳האָב זי באַרירט,
כאָטש צו אַ צווייטער אַ תאווה געשפּירט.
זי איז געווען ניט שיין און ניט מיאוס,
די אַנדערע געווען איז ווּנדערלעך זיס.
און כאָטש זי האָט פון נחת געשיינט,
האָב איך ניט זי, נאָר די אַנדערע געמיינט.
און ווען זי האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט,
האָט מיין בלוט געשטורעמט צו אַן אַנדער געזיכט.
צו דער וואָס אין מיין חלום געוווינט,
כאָטש ניט פון איר געוואָרן באַלוינט.
ניט פון דער, אויסגעבענקטער, ווּנדערלעך־שיינע,
וואָס וועט ליידער קיינמאָל ניט זיין מיינע.
געבליבן אַן אַנטוישטער, שווייגנדיק אין בעט,
יעדער קוש מיך געשטאָכן, ווי אַ שאַרפער שטילעט.
געווען איז דאָס אַ טעות, בלויז אויסגעדאַכט,
דער גורל פון מיר האָט מיט חוזק געלאַכט.
האָב איך מיט איר, ווי אַ פרעמדע זיך צעשיידט,
פון אַן אָפּגענאַרטן חלום געוואָרן באַגלייט.
כדי ניט צופיל אויפריכטיק צו זיין,
באַהאַלטן איך מיין צונג צווישן די ציין.
ווייל אַן אַלטע געשיכטע שוין טויזנטמאָל געהערט.
די, וואָס דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק געהערט,
וועט קיינמאָל דיר ניט זיין באַשערט.

אויף איר פּנים

אויף איר פּנים זיך געשפּיגלט די יאָרן,
אַ מלחמה צווישן ווייב און קינד.
איר מאַן געווען ערגעץ פּאַררייזט,
איז איר בענקען צו אים שטאַרק און היים.
האָב איך מיט קינאה וועגן דער הייראַט געטראַכט, —
ווי שטאַרק פון געטריישאַפט איז איר מאַכט.
נאָר אַ בליק אויף איר געבלימטן שלאַפּראָק,
האָט צעזידט מיין האַרץ, ווי קיפּיאַטאָק.
זיך אָנגענומען מוט און געדריקט איר האַנט,
זי האָט קיין פאַרוואָרף צו מיר ניט נעוואַנדט.
אפשר די געטריישאַפט צו איר מאַן געווען אַזוי גרויס,
אַז אַ פאַרבענקטע גיך געזעצט זיך אויף מיין שויס.
מיר האָבן ביידע זיך עפּעס דערקלערט,
נאָר איר געבלימטער שלאַפּראָק האָט אונדז געשטערט.
מיר ביידע פון געהיימע פאַרלאַנגען באַצויבערט,
אירע האָר צעשפּילט, ווילד און צעשויבערט.
איר געטרייער מאַן געווען דאָך פון וויטן.
האָבן אירע ליפּן געפלאַמט צו אַ נאָמען אַ צווייטן.
אין הייסע מינוטן פון תענוג געלעכצט,
דאָס בעט האָט אונטער אונדז ביידן געקרעכצט.
אַלץ האָט געפיבערט אין שטורמישן פאַרווײלן —
דאָס פאַסט אָבער ניט פאַר חשובע לייט צו דערציילן.
איר זענט געגוג קלוג דאָס אַליין צו פאַרשטיין,
וואָס ווייטער געשען, אפשר באַדאַרף אַזוי זיין.
דאָך פון חרטה געבליבן פאַרשוינט,
אין אַ פרעמדן בעט געוואָרן באַלוינט.

טויט שוין די ליבע

טויט שוין די ליבע, פון חלומות דער וווּנדער,
עס שפּאַנען צוויי שטערן, שוין יעדער באַזונדער.
פון אַלע באַגערן און שטורמישע צערטלעכקייטן —
עס גריסט די ליבע דיך פון ווייטן.

וואָס נעכטן געבריט אַזוי הייס און ווילד,
די גליענדיקע בענקשאַפט פאַרשווינדן אַצינד.
די קראַפט פון ליבע, וואָס אין מיר האָט געצונדן,
זיך אויסגעלאָשן איר מאַכט, די תאווה פאַרשוווּנדן.

אויסגעטרונקען די זיסקייט ביזן דנאָ פונעם כוס.
פאַרלאָשן דער פלאַם — ווער ווייסט פאַרוואָס?
בעסער פרעג, מיין פריינד, ניט קיין שאלות,
צוזאַמען מיט דער ליבע אַוועק אַלע מעלות.

אירע ברענענדיקע אויגן אויפגעהערט צו לויערן,
ווי מען רייסט אַרויס אַ צאָן — דער ווייטיק גייט פאַרלוירן,
ווען די אַלטע ליבע פאַרוועלקט, ווי אַ בלום,
אַ נייע רופט — קום צו מיר קום!

געשטאָרבן די ליבע כ'וועל זי ניט באַקלאָגן,
אַ נייער פרילינג וועט פון ערגעץ אָניאָגן.
אַ נייע ליבע, ווי אין אַ ליד אַ נייע שורה,
אַ נייער פרילינג — אַ נייע בשורה.

פאַרבענקטע מינוטן

ווען פאַרבענקטע מינוטן זיך אין הימלען איינהילן,
שלאָגט מעכטיק מיין האַרץ מיט סודותדיקן גאַרן,
אַ פאַרשקלאַפּטער צו סטיכישע, ווילדע געפילן —
כ'פיבער מיט אַ זיסן, ברענענדיקן צאַפּל.

כ'אָטעם אַריין אין זיך די פאַרנאַכטיקע פאַרפומען,
פאַרשיכורט פון געהיימע, לאָקנדיקע גלוסטן,
אין די אומרואיקע מינוטן פאַר מיין געליבטעס קומען,
כ'בענק צו אירע גאָוהדיקע, צאַפּלדיקע...

אַלץ רופט אין מיר צו גליק און פאַרגעניגן,
וועקן באַגערן צעברויזטע, ווי אַ ים אין שטורעם.
אויפן פעלדז פון גליק צו שטייגן און זיגן, —
ווי אַ צערייצטער טיגער כ'ווער געטריבן.

כ'ווייס אַז די שעהן פון גליק זענען קאַרג געשענקטע.
גיך פאַרגיין וועט דער צעברויזטער גלי.
ווי נאָך אַ זון־פאַרגאַנג אונטער הימלען פאַרבענקטע,
בלייבן וועט דער קימער און אומרו.

כ'זאָל אפילו אָפּרייסן פון די הימלען אַ זילבערנעם שטערן,
כ'ווייס אַז מיין חלום פאַרגיין גיך וועט ווערן,
קומען וועט שטורעם אין מיין האַרץ אין דער נאַכט,
און פאַרלעשן מיין חלום, — אַ פאַרלוירענע שלאַכט.

ער און זי

זי: אַ לײדנשאַפֿטלעכער מילד־װײַבלעכער שמײכל,
װאָס קען אַ שטורעם אין מענער־הערצער צינדן,
איר בליק צו אַ פֿרײַער װעלט, פֿון ליבע און פֿון גליק,
איר יעדער קוש, אַ זיס־געזאַנג, אַ געטלעכע מוזיק.
איר קערפּער שמעקט מיטן ריח פֿון אײדעלע פּאַרפֿומען,
עס װאָלט יעדער מיטן גרעסטן חשק, זי אַרומגענומען.
ס׳איז איר גוף מיט פֿרײד באַקלײדט, װי מיט סאַמעט און זײַד,
זי װיגט זיך װי אַ ליבע־שיף, מיט װײַבלעכע קאַפּריזן,
זי, אַ װוּנדער־ניגון, דאָס לעבן צו פֿאַרזיסן.

ער: זײַן פֿאַרקנײטשט אָנגעכמורעטער שטערן,
זײַן אױסגעלאָשן פּנים דערצײלט, פֿון לײד,
פֿון עלנטקײט, אײנזאַמקײט, אָן ליבע.
אַפֿילו אַ װאַרעמער שטראָם פֿון װײַבלעכע אבֿרים.
קענען ניט אָנצינדן אין אים קײן שמץ פֿון פֿרײד.

אַזױ אַנדערש פֿליסן צװײ לעבנס,
לאַנגזאַם אָדער שטורמיש, װי די װײַכע כװאַליעס,
קאָרטשען, ציטערן נערװעז, אָדער קושן זיך,
קלאַפּן אין די זאַמדיקע כװאַליעס פֿון לעבן.
אײנע ברװיזט פֿון הײסער לײדנשאַפֿט,
אַ צװײטער פֿון מרה־שחורהדיקער אײנזאַמקײט,
אָן ליבע, אָן האָפֿן, אָן שטרעבן.

וואָס איז דער חידוש

וואָס איז דער חידוש, וואָס איז דער ווּנדער —
כ׳שפּאַן איבער וועלטן פאַריתומט, באַזונדער.
איבער פּריילינגס פון פאַרבענקטע זונען,
איבער טיפענישן פון פולע ברונען,
אויף שפּיצן־בערג איך קלעטער,
איבער בייזע, צעשטורעמטע וועטער.
צווישן וואָר און לעגענדעס,
איבער טייגעס און ברייטע פליינען,
איבער וויסטענישן מיט וואַנדערנדע טאַבונען,
איבער שטורמיש צעברויזטע ימען,
איבער גהינומס הייסע פלאַמען,
מיט חלומות, שטרעבן און מעכטיקע באַגערן,
אַהין ווּ די שענסטע טרוימען זיך וועבן,
ווּ די אָדלערס אין די הימלען שוועבן,
ווּ דער נביא דונערט אויס זיינע צאָרן־ווערטער,
צווישן הייסע נשמות און קאַלטע הערצער,
ווּ שטערן טרינקען זיך אָן מיט גלויבן,
און פאַרלער קושן זיך ווי טויבן.
אין פאַרבענקטע פאַרנאַכטן און בלויע באַגינען,
אומעטום גליק געזוכט — אין ערגעץ ניט געפונען.
כ׳האָב דעם קאָפּ ניט פאַריסן, ניט געשפּאַנט אויבן אָן,
כ׳ווייס, אַז כ׳וועל זיכער פאַראייביקט ווערן,
אין גרויסן פאַנטעאָן... — פון פאַרגעסן
און אַז כ׳וועל קומען אויף יענער וועלט
און גאָט וועט מיך פרעגן:
וואָס האָסטו געטאָן אינעם לעבן, וואָס כ׳האָב דיר געשענקט?
וועל איך גאַנץ באַשיידן זאָגן:
כ׳האָב געליבט, געחלומט און געבענקט!

זוניקע קלאַנגען

כ׳שפּאַן פאַרשיכורט, דאָס בלוט אין מיר קאָכט,
כ׳בלאָנדזשע אַרום צווישן וואָר און חלום,
מיין גורל זיך שלענדערט אויף די כוואַליעס פון שטורעם,
מיט זיך אַליין כ׳קען ניט שליסן קיין שלום.

געקעמפּט מיט זיך אַליין און פאַרשפּילט,
פון אַזאַ מלחמה ווער קען דען וויסן ?
ווער קען דען לעשן מיינע דאָרשטן,
פאַר ווענען מיין צעברויזט האַרץ אויפשליסן ?

כ׳וויל ביי גאָט קיין שטיפקינד ניט זיין,
כ׳בענק נאָר פריידיקע, זוניקע קלאַנגען,
צי איז דען די וועלט ניט באַשאַפן צו גליק,
צי זינגט ניט אין די ספערן — פלאַמיקע געזאַנגען ?

עס טריאומפירט די נאַטור מיט גרויס פאַרגעניגן,
אַ בגילופענע זי באָדט זיך אין אַ ים פון תענוג,
זי שמעלצט זיך פון נחת, ווי אין אַן אמתן גן־עדן.
נאָר איך דעם טעם פון גליק — אַ גאָר קליינעם אַנוג.

צום טייוול, ווער האָט די טיר פון גליק פאַר מיר פאַרשלאָסן ?
געלאָזט מיך אויף דעם מאַסקן־באַל פון דער צינישער ציוויליזאַציע
געהאַכזאַם צו וואַרטן ביז די ווערעם וועלן זיך פרייען,
און זיין אַ שפּילצייג פאַר דער שאַנטאַזש־פּראָוואָקאַציע.
וויפל נאָר מוז פאַרגאָסן ווערן בלוט און טרערן,
פאַר אַ געשמאַקן מאָלצייט פאַר די ווערעם צו ווערן ?

כ׳בלאַנקע דורך וואַנדער

כ׳בלאַנקע דורך וואַנדער און ווייען,
די פאַרבאָרגענישן פון לעבן אַלץ ניט אַנטדעקט.
כ׳האָב געזען שליידערן געטער פון זייערע פעדיסטאַלן,
צווישן אַ סך געטער פאַרלוירן מיין אייגענעם גאָט.
דאָך ברויזט אין מיר אַ קוואַל פון ליבע און לעבן,
זי איז די קראַפט וואָס באַלויכט מיינע וועגן —
כ׳שפרייט אויס מיינע פליגל און לאָז מיך הויך שוועבן,
איבערן רעשיקן, טומלענדיק לעבן.
וויפל יאָרן כ׳האָב איבער דער וועלט דורכגעטריבן,
אין מיין פּאַס איז געננוי דאָס פאַרשריבן,
אָבער וויפל ליבע, וויפל זינד אויף מיין געוויסן,
איך אַליין קען דערפון נאָר וויסן.
וואַנדער איך איבער וועלטן מיט נאָמענלאָזע צילן,
און טראָג אין האַרצן פאַרבאָרגענע געפילן.
כ׳נעם אַרום די וועלט מיט הענט — וואָרעמע רינגען,
אַ זיסער פרילינג האָט אין מיין האַרץ זיך צעזונגען.
גענאַשט איך האָב פון יעדן רייפן פרוכט,
פון עץ החטא אויך דעם טעם פאַרזוכט.
כ׳בין מודה אז מיט זינד בין איך אויך רייך,
אַ שאָד, וואָס צו תשליך מ׳קען זיי ניט וואַרפן אין טייך.

כ׳ווייס אַז ניטאָ קיין נשמה,
וואָס זאָל ניט האָבן קיין ווונד און קיין פלעק,
קיינער קען ניט אַנטלויפן פון חטא די שרעק.
בלאָנקע איך איבער אַלע ווילדענישן פון לעבן,
און ציטער פאַר דער אימפעריע פון טויט!

פון זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן) — 1966

ווי אַ זעגל אין שטורעם (ראָמאַן) — 1972

אויף די פּראָנטן פון לעבן (ראָמאַן) — 1981

פלאַמען (לידער) — 1983

קורצע געשיכטע פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק — 1984

אַ בליץ אין דער נאַכט (לידער) — 1985

קיצור תולדות הרעיון האנרכיסטי — 1985

שטורעם־גלאָקן (עסייען) — 1986

אַ פּרימאָרגן־שטראַל (לידער) — 1987

אינהאַלט

אַ פּאָר ווערטער פון מחבר

אַלגעמיינע לידער

מיין לידער־קראַנץ
טויזנט כאַרן
ווען דער מענטש
צו אהרן צייטלין ז״ל
מיין בריוועלע צו גאָט
אַ מאָרגן־שטראַל
כ׳בין שוין מיד...
האָסט מיך לעבן אָפּגענאַרט
דאַן קיכאָט
קרעמערישע נשמות
איוואַן
ירושלים
בויען כ׳וויל אַ בריק
מיר זענען אַ שיף
כ׳האָב ליב די גאַנצע וועלט
די געטין פון שיינקייט און זינד
אַ מענטש
מיסטעריע
מאַכט פּלאַץ
אַ גרויזאַמע שטילקייט
ווי צום מענטש
כ׳וויל דיר זאָגן
אין אַ מאַסקע אויפן פּנים
איטאַליע
מיין שטאָט
זיסע רייד
זעט ברידער
צו ווייסט איר ?
שטייט אויף
נאַקעט און בלויז
טשערנאָביל
מיט איין גרויסן — ניין !
שפּאַניע
ביסט מענטש
כ׳ווייס
ווען אַלץ איז געפּלאַסן
אַ גאָט
די וועלט — אַ טעאַטער
כ׳בין פון שטורעם און געוויטער
ווען מיר
די געשיכטע
אויף דיזנגוף־גאַס
ראַבעספּיער
צו דער טראַגישער עקידה
דאָס וואָרט
כ׳וויל ניט
די געטין פון פרייהייט
זיידעס שפּאָרן
אומעטום די זעלבע מענטשן
דאָס לעבן
איך גלויב
פאַראַן חלומות
ניט געטראָגן דעם שקר
ליגט אַ זעלנער
קאַלטע ווערטער
אַ גרויסער שרייבער
אַ רעוואָלוציאָנער פּאַרל
דאָס מיידל פון אַמסטערדאַם
דאָס האַרץ פון דער ערד
גליקלעך איז דער
ווען די זון פאַרגייט אין בלוט
מיר ווערן
די גרויע מווע
כ׳האָב ליב
עס בלאָנדזשעט
עס לויפן
נאַכט־שפּאַציר

פון צער און צאָרן

פון דער וועלט אָפּגענאַרט
נאַקעט און וויסט
דויטשלאַנד איבער אַלעס
פאַרשוועכטע חלומות
אַ ביינער־געשפּענסט
דאָס געטלעכע געוויסן

געוועז אַ דור
אַלץ אַרום טויב און בלינד
געוועז אַמאָל אַ שטעטעלע

אין־זיך לידער

אויף געסלעך שמאָלע
שטימונגען
דער צוג
אויף ברודיקע גאַסן
ביזן לעצטן אָטעם פון מיין ליד
מה נשתנה ?
דיין בלייכער שמייכל
זי לעבט אין מיין זכרון
כ׳שטיי ביי אַ ווילדן ברעג
כ׳געדענק
ווי אַ בלום אין גן־עדן
מיין ביאָגראַפיע
וויפל מאָל
זי איז געוועזן
אויף איר פּנים
טויט שוין די ליבע
פאַרבענקטע מינוטן
ער און זי
וואָס איז דער חידוש
זוניקע קלאַנגען
כ׳בלאָנקע דורך וונדער